STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04020

A BLITS IN DER NAKHT

Josef Luden

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף לודען

א בליץ
אין דער
נאכט

1985

פאַרלאַג ,,פראָבלעמען"

תל־אביב — טעל. 453102

A BLITZ IN DER NACHT

Copyright by JOSEF LUDEN

"PROBLEMEN" PUBLISHING
Tel-Aviv. Tel.: 03-453102

פאַרלאַג „פּראָבלעמען"

תל־אביב — טעלעפאָן 03-453102

דפוס אורלי, תל־אביב, טל. 372062



לידער
פון פּראָטעסט און טרייסט

אַ פּאָר ווערטער פון מחבר

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון מיין ערשטן לידער־זאַמלונג **„פלאַמען"** דערשינען אין 1983. אין ביידע ביכער טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער. דאָס איז דער אויסגעשריי פון ווייטיק נאָך דעם גרויליקן אומקום און פיין פאַר דער סכנה פאַר אַ נייער קאַטאַסטראָפע.

איך באַמי זיך אויסצושרייען די געפילן פון פאַרביטערונג פון פשוטן מענטש, וועמענס גורל ליגט אין די הענט פון געוויסנלאָזע הערשערס איבער די פעלקער, די מלחמה־צוגרייטערס, וואָס טרייבן די וועלט צו אַ נייעם שרעקלעכן אומגליק. זענען דאָס לידער פון צער און צאָרן, פון פּראָטעסט קעגן בלוט־פאַרגיסונג, צווישן וועלכע עס זענען דורכגעוואָרפן אויך לידער פון טרייסט און האָפענונג — אפשר... אפשר וועט דער מענטש וואַגן אויסצושרייען — ג ע נ ו ג ! ! ! אַ סוף זאָל נעמען צום בלוטיקן שפיל ; אַ סוף צו דער מענטשלעכער טראַגעדיע !

נאָוועמבער 1984.

רויק און לעגענדעס

שטייסטו פּאָעט צווישן רויק און לעגענדעס,
צווישן געטער וואָס דורשטן נאָר בלוט
און עפּיקור וואָס רופט צו גענוס.
און דו צווישן חלום און דינאַמיט,
צווישן וויזיעס און אַבסורדישן סדר,
וואָס מענטש באַשאַפן האָסט לײדער,
אין די זומפּן פון שקר צו טאַפּטשען כסדר.

זאָלן אַנדערע מיט שקר זיך ווײלן,
דו פון דײן חלום זאָלסט זיך ניט אויסהײלן.
מיט שײנע ווערטער מוזט זיך ניט שפּילן,
נאָר צעפלאַמען אין הערצער די אײדלסטע געפילן.
אויב שפּראַך איז פאַר ליבע און פרײנדשאַפט די בריק,
מאַך ניט מיט ווערטער אַקראָבאַטישע שטיק.
פון ווײניקער די ווערטער, זײ מוזן ניט בלאַנקען,
אין פּשוטן וואָרט — די רײכסטע געדאַנקען.

קום פּאָעט מיט אַ מוזע אַ פרײע,
פון יושר און ליבע אַן עוואַנגעליע אַ נײע.
ווען אַנדערע ציט צו די בלאָטעס ווי זשאַבעס —
דו רוף, ווי י. ל. פּרץ, צו אַן אײביקן שבת!
ווי אָקס מיט אָדלער קענען ניט שפּאַנען צוזאַמען,
קנעכשאַפט מיט פרײהײט ניט לאָזן זיך גראַמען.
זאָלסטו פאַרן טײוול דײנע קניען ניט בײגן,
נאָר שלײדערן דעם אמת דער וועלט אין די אויגן.
זינג אַ לויב צו דער פרײהײט מיט יושר געבענטשטן —
אַ הימן צום לעבן, צו ברידערשאַפט צווישן מענטשן.
אַ מעבטיק געזאַנג אויף אָדלערישע פליגלען געטראָגן,
געבוירן אין אויפגאַנג פון ליכטיקע פאַרטאָגן.

פרייהייט־פּאָעטן

ווי זענען זיי די מוטיקע פרייהייט־פּאָעטן,
מיט זייער ערלעך וואָרט קעגן אַלץ וואָס פֿאַרפּעסט?
זייער צאָרן־שפּראַך, ווי דאָס מויל פֿון פּראָפֿעטן,
זייער דונער־געזאַנג פֿון מעכטיקן פּראָטעסט?

דאָס ליד וואָס גערעדט צום האַרצן, געוועקט צום שטרעבן,
זייער דיכטערישע פֿען געבליבן פֿאַריתומט, פֿאַראָסט.
ווער וועט אויף זייער דיכטערישן פּלאַץ זיך שטעלן,
דאָס פֿרייע געזאַנג זאָל ניט בלייבן פֿאַרלאָזט?

זיי זענען ניטאָ מער, נאָר גזילה און מאָרד איז געבליבן —
פֿון קין ביז היטלער — אַ בלוטיקע קייט.
מיטן ציטער פֿון האַרצן זיי האָבן געשריבן, —
זייער צאָרן־ליד קלינגט נאָך אויפֿריכטיק הײַנט.

ווער דרייסטע געדאַנקען פֿון זייער ליכטיקן קוואַל,
וועט ירשהנען דעם פּשטות פֿון זייער פֿלאַמיקן גייסט?
אין דער פֿינצטער פֿון נאַכט, ווי אַ ליכטיקער שטראַל,
זייער געזאַנג פֿון פּראָטעסט, זייער ליד פֿון טרייסט!

זייס מוחל

זייט מוחל וואָס כ׳וועק אייך פון זאַרגלאָזן דרימל,
דעם מויער פון שקר צעוואָרפן אויף שטויב און שימל.
די וואָס זוכן אַ גן־עדן אין פינצטערן כאַאָס
און דערוואַרט פון געצן — נסים ונפלאות,
וואָס בויען אין חשכה זייער גסיסה־פעסטונג,
קעגן מענטשלעכן גייסט — אַ פרעכע פאַרמעסטונג.

רוף איך אַנטלויפן פון חניפה, פון טויטע פרינציפן,
פון געשליפענעם שקר פון פאַלשע ליפן.
אין דזשונגל פון ווערטער, געדרייט מיט דער צונג,
ווי טשעקן אַן דעקונג, פון מיילער פליסט פלינק.
זעט איר דען ניט ווי ס׳שווימט אַן אַ פינצטערע שקיע,
מיט מעסערס פון שעכטער, פאַר העלדזער אַ תליה?

אפשר קלינגט מיין ליד צו שאַרף אין אייערע אויערן —
ווי די שופרות וואָס אין יריחו צעוואָרפן די מויערן?
כ׳וויל די מויערן פון שינאה צווישן פעלקער צערייסן,
איין מענטש דעם צווייטן זאָל ניט גריזשען און בייסן.
פון מאָרד און בלוט מיר זענען שוין מיד —
אַ ליכטיקן חלום שמידט אויס מיין ליד!
אַ מעכטיק געזאַנג, וואָס פליסט פון מיין תוכו,
געטובלט אין פשטות פון אָנהייב עד סופו.
ניט קיין זיסע ציקערלער קום איך טיילן —
מיינע ווערטער פון צאָרן זאָל שרייען אויף מיילן!
פון פראָטעסט און טרייסט מיט אַ שיר השירים אַ נייעם,
פון קברים־אידעלן דעם גייסט צו באפרייען.
זייט מוחל וואָס כ׳וועק אייך פון זארגלאזן דרימל,
די בלוטיקע וואָלקנס צו פארטרייבן פון הימל!

סדום ועמורה

שטאַרבט אָפּ איר פאַרשאָלטענע סדום ועמורה!
ווי לאַנג וועט איר מיט טכאַר־ריחות מסריחן?
אַש און רואינעס — אייערע פינצטערע אָפּגרונטן,
בלוטיקע דרכים, וואָס איר האָט דערפינדן.
אייער טריאומף פון פאַרברעכנס אויף פלאַמיקע שייטערס,
צו הימלען זיך רייסן אויף בלוטיקע לייטערס.
משיחים, דערלייזערס זיי גרייטן פאַר ווע‏מען,
אייערע פאַרדאָרבענע, קנעכטישע סיסטעמען.
עס טרייסלען זיך שוין אייערע אַלטע פונדאַמענטן,
מיט פאַלשע רעצעפּטן, וואָזיניק־פאַרבלענדטן.
מיסיאָנערן פון שנאה שטעלן אין בבל אַ טורעם,
איר פון סדום און עמורה — רשעים גמורים.
איר פאַרעיפּשט דאָס לעבן און פאַרהייליקט דעם טויט,
פאַרברעכן און באַטרוג — אייער טעגלעך ברויט...
איר פאַרדאָרבן עקלדיק געשלעבט!
אַלע פריידן פון לעבן מיט פינצטערניש פאַרשוועכט.

ווער פאָדערט רעספּעקט פאַר די סדום־קאָמעדיאַנטן,
באַנקירן, זשאַנדאַרן — הייליקע אַליאַנטן?
אַפריקע ציוויליזירט מיט סיפיליס און פּראָסטיטוציע,
אַזיע באַפרייט מיט האַרמאַטן און קאָרופּציע.
מיט היפּאָקריטישן שמייכל אויף תלײנשע ליפּן,
איר פאַרטומלט די וועלט מיט פּאַראַזיטישע פּרינציפּן.
איר רופט צו קניען פאַרן דעספּאָטישן גאָט,
וואָס אַלע ערלעכע גלויבנס געמאַכט האָט צו שפּאָט.
מאַכט און געלט — סדום׳ס הייליקער ציל —
פון ענדלאָזער נאַכט — אַ בלוטיקע שפּיל...

מעדכען שיסן

זיסלען צום הייליקן אנדענק

ניטאָ מער מיין זיסל, אַ מויד אַ שטיק פייער,
מיט אירע ווילדע שטיפערישע ממזורייען.
אַזאַ זיס שטיק מיט אַזעלכע הייסע אויגן,
געקענט יעדן בחור דעם קאָפּ גוט פאַרדרייען.

ווי האָט מען געקענט זיך אין זיי ניט פאַרליבן,
אין די מיידלעך פון מילע, מוראַנאָוו און דזשיקע ?
טעכטער פון יידישע גאַסן און יידישע שטובן, —
פון זיי תמיד געחלומט, געליבט זיי בשתיקה.

זיי די טייערע, פון מיין חלום דעם זיסן,
געקאנט אזוי דרייסט קעמפן און ליבן —
זע האָנס, מעדכען שיסן ! און געבליבן אין בלוט פאַרגאָסן,
דאָס האָבן די יידישע מיידלעך אויף די מערדער געשאָסן.

עס האָבן זייערע נשמות מיט געטריישאַפט געבריט,
צווישן זיי אויך זיסל, אַ מויד אַ שטיק פייער.
געפאַלן אויף מילע אין העלדישן שלאַכט,
נעבן איר געבליבן דער „שפייער״.

פאַרן בלוטיקן תהום

שפּאַנסטו מענטש מיט גאווה, די נאָז פאַריסן,
טויב צום געשריי פון אייגענעם געוויסן.
בויסט מאַשינען — אַן אמתער וווּנדער, —
צו זיי געוואָרן אַ שקלאַף ביסטו אַצינדער.
באַזיגסט די נאַטור, שטח און צייט,
נאָר דער טייוול אין דיר — מיט חוצפּה פאַרשייט.
פאַרדאַרבסטו וואַנדאַליש וועלדער און ימען,
די לופט מיט קאַפּעטש און רויך פאַרסמען.
ווער האָט דיר מענטש געגעבן דעם פּאַטענט,
צו פאַרוויסטן די נאַטור מיט אייגענע הענט?

אַלץ וואָס מיט פריידיקע ליכט איז באַהעלט,
די גאַנצע שיינקייט פאַרטרייבסט פון דער וועלט.
דו פליסט צו דער לבנה מיט אַ העפלעכן וויזיט,
נאָר די ערד דו צערייסט מיט פּראָך און דינאַמיט.
עלעקטרי, ראַדיאָ, טעלעפאָנקעס, טעלעוויזיע —
אַטאָמישער טויט — דיין פאַרבלוטיקטע וויזיע!
די מענטשלעכע נשמה טוסטו אויך מעכאַניזירן,
קיין טראָפּן גליק קענסטו ניט פּראָדוצירן.
דיין חכמה וואָס געשפּאָלטן דעם אַטאָם,
שטייט אומבאַהאָלפן פאַרן בלוטיקן תהום.
אַלץ וואָס דיין געניאַלן קאָפּ האָט אַנטדעקט, —
האָפענונג און שרעק איין אונדזער הערצער וועקט.
געבליבן בלויז אַן איין־איינציקער טרייסט —
אַ ווײסנשאַפט געפּאָרט מיט הומאַנישן גייסט.

אַ שטאָט ווערט דערוואָרגן

אַ שטאָט פון טויזנטער טייוולאָנים באַפאַלן,
הויכט אויס איר נשמה אונטער מעכטיקע קנאַלן.
קאַנאָנען גרימען, וואָיען און ברומען,
עס זידט פון גרימצאָרן אַ טשעגוענער שגעון.

ס׳ברענען דעכער אין אָרגיעס פון פייער,
ס׳ברענען בריקן, הייזער און שייער.
טעאַטער, פאַבריקן — אַ ברענענדער לייטער,
וואָס מענטש האָסט באַשאַפן — פלאַמט אויפן שייטער.
עס שפייען מיט פייער שטאָלענע פולימיאָטן,
מענטשלעכער חלום אין חורבות פאַרשאָטן.
ס׳ברענט דער היינט און דיין מאָרגן,
אין אַש און רויך די שטאָט ווערט דערוואָרגן.
ס׳טראָגט זיך אַ ווירבל — אַ פלאַמיקער פאַקל,
די שטאָט ווערט פאַרשלונגען, אין לעצטן סך הכל.
אָט קריכן אין חורבות אַריין די געשטאַלטן,
אין קעלערס און לעכער זיך צו באַהאַלטן.
דאָס אָרעמע לעבן פאַרן טויט צו פאַרבאָרגן,
צוזאַמען מיט דער שטאָט זיי ווערן דערוואָרגן.
עס טראָגט זיך פון לעבן דער לעצטער געשריי,
אונטער בלוטיקן רעגן פון רוצחישן בליי.

פון האַרמאַטן־אָרקעסטערס איר עראָגאַנטישע דיריגענטן,
גענעראַלן, דיפּלאָמאַטן — פון טויט איר אַגענטן.
כ׳האָב מיט אייגענע אויגן די קאָשמאַרן געזען.
הלוואי וואָלט דאָס בלויז אַ בייזער חלום געווען.

װעלפּישע צײן

האָסטו מײן פרײַנד אַמאָל געזען, געהערט,
טײוולאָנים אין הײליקע פאַרשטעלט?
תליינים זאָלן פּרעדיקן גערעכטיקײט? —
די װעלט צו דערטרינקען אין בלוט זענען גרײט.

דאָס לעבן געמאַכט פאַר אַ שלאַכטפעלד,
פון מענטשן אַ בלינדע אַרמײ.
פאַרשקלאַפּט דיך צו פּראַזן און װערטער —
דיך באַפוילן צו שטאַרבן פאַר הײליקע ערטער.

דיך פאַר אַ קנעכט צו אוניפאַרמען, מונדירן,
פאַר יעדן מעשענעם קנעפּל דו זאָלסט סאַלוטירן.
פון מעכטיקע טײוולאָנים, הערשעריש־בלינד,
באַטרוג און שנאה פון זײערע מײלער רינט.

אויך יענע געלערנטע, פילאָזאָפישע חסר־דעה,
װאָס מאַכן פון טויט די העכסטע אידעע.
איבער אַלע חכמות, איבער די מוחות די האַרן,
מאַכן דיך פאַר אַ קרבן פון אַלע קאַשמאַרן.

בין איך מיט אײַך פאַרשקלאַפּטע, מײן האַרץ איז מיט אײַך!
אין מײנע אויערן קלינגט אײער מאַרסילעזע־געזאַנג.
כ'ברענג אײַך אין דער פינצטער פון האַרץ אַ געשאַנק,
אַ צעבושעװעט געשרײ, אַ צאָרן־געזאַנג.
כ'בין מיט אײַך אין אײער פלאַמיקן פּראָטעסט,
קעגן די װעלפּישע צײן, װאָס דאָס לעבן צעפּרעסט.

די וועלט — אַ וואָקזאַל

ס׳האָט ווער געזאָגט, — די וועלט איז אַ גרויסער וואָקזאַל,
ווי ס׳לויפט דורך דאָס לעבן פון וויגל ביזן פינאַל.
דאָ הערט מען די שווידערלעכע קלאַנגען פון צייט,
ווי אַ לאָקאָמאָטיוו צעשרייט זיך מיט בענשאַפט פון ווייט.
ווער פאָרט דורך זיין לעבן אין די רייכסטע וואַגאָנען,
צווישן הויכגעשטעלטע, טונקעלע פּערזאָנען.
אַנדערע פאַרשווינען מיטן אָרעמען קלאַפּערגעצייג,
האַנדלען מיט חלומות, אין דער קעשענע אַ פייג.
ווער האָט פאַרשפּעטיקט דעם צוג צום גליק,
קומען אַהיים ער וועט קיינמאָל צוריק.
אַן אַלטע מאַדאַם געוועזן אַמאָל אַ גראַציע,
איצט פאָרט זי אַוועק צו דער לעצטער שוין סטאַציע.
ווער טראָגט זיך אַרום מיט אַלטע תורה,
מיט אָפּגעלעבטע, פאַרשימלטע סחורה.
אַן אַנדערער וויל די וועלט מיט פרייהייט באַפאַרבן,
געבוירן צו לעבן, צו קעמפן און שטאַרבן.
ווער טראָגט אַ טשעמאָדאַן מיט ביטערע זכרונות.
אַנטווישטע רעיונות, פאַרלאָשענע חלומות.
אָט צעשרייט זיך ווער אויפן העכסטן קול,
אַן אַרטיסט אָפּגעשפּילט זיין לעצטע שוין ראָל.
אַנדערע פאַסאַזשירן, פאַרביטערט און בייז,
קרומע נשמות, קאַלטע ווי אייז.
און ווער האָט סתם פאַרשלאָפן די צייט,
דאָס לעבן אַנטלאָפן פון אים שוין גאָר ווייט.
געבליבן אויף הפקר, אויף גאַס באַראָט,
שטייט מיטן וואָקזאַל — אַ מענטש אַ באַנקראָט.
אַ קראַנקע וועלט אין טרויעריקער נאַכט —
ווער האָט אַזאַ פינצטערן וואָקזאַל אויסגעטראַכט?

בלומען פון לאַנד פון אייז

ס׳ברענגט אַ גרוס מיר דער ווינט פונעם לאַנד פון אייז,
ווי ס׳בליט אַנגסט און שנאה, די בלומען פון בייז.
פון פאַרסמטע ברוסטן דאָס רשעות געזויגן,
זיי קוקן אויף דער וועלט מיט גיפטיקע אויגן.
שליידער פראַזן פון שעלמישן פיסק,
די שענסטע אידעאַלן געוואָרפן אין מיסט.
דער תלין פאַר אַ רעוואָלוציאָנער פאַרשטעלט,
אין נאָמען פון יושר עשאַפאָטן געשטעלט.
דער ווייסער שניי פון בלוט איז רויט,
פון גסיסה־צאַפּל פון עלנט און נויט.
פון וואַנען אַזוי פיל כופרים, פאַרעטער?
אַזוי פיל אַנטלויפער פון די גואל־געטער?
אַ קאַמופלאַזש־גלויבן אין גאווה געפלאָכטן —
אַ ליכטיקער חלום פאַרצוקט און געשאָכטן.
אַ חלום צו וואָס אַ פאָלק האָט געגאַרט,
אַ שיינער ליגנט וואָס מיאוס אָפּגענאַרט.

כ׳הער פון פּאָעטן דאָס טראַגישע געשריי: —
מירן אַ חלום פאַרלירן אין ווייסן שניי!
חלומות אַנטוישטע, מיט פראַזן פאַרשאָטן,
די פרוכט פון עץ־הדעת צו נאַשן פאַרבאָטן.
בעט איך ביי אייך — סאָציאַליסטישע זשאַנדאַרן —
אין אייער שקר גן־עדן מיך ניט צו פאַרשפאַרן.

כ׳בין אַ ייד

כ׳געהער צום פאָלק, ווי שטויב איז צעשאָטן,
פון שטורעם־געוויטער, פון שנאה צעטראָטן,
פון תליות, פון קברים, פון פייער און פלאַם —
מיין יחוס — פון אוישוויץ, טרעבלינקע איך שטאַם!!!
פון פאָלק, ווי אַן אָדלער אין קייטן געשמידט,
כ׳בין אַ ייד!

וואָס טראָגט אַלע צרות אויף זיין אייביקן גאַרב,
און נאַשט יעדע פרוכט, וואָס ביטער און האַרב.
איר אַלטע געשיכטע — אַ גאָלדענע קייט,
ניט פאַרבייטן כ׳וועל אויף אַ פאָלק אַ צווייט.
פון מנחם־מנדלישע חלומות, פון דמיונות צעגליט,
כ׳בין אַ ייד!

מיט קייטן אויף די פיס, אויפן האַלדז אַ שטריק,
געקומען מיין פאָלק צו איר לאַנד צוריק.
רשעים האָבן אַ פאַסטקע פאַר איר אויפגעשטעלט, —
ניט מיט פאַרבלוטיקטע הענט כ׳גיי אַנטקייגן דער וועלט!
מיט גנאָד מיין פעסטונג, מיט יושר צעבליט,
כ׳בין אַ ייד!

פון נביאים, פאָעטן און קעמפער איר שטאַם,
פון יושר און פרייהייט כ׳טראָג אין האַרצן דעם פלאַם.
כאָטש מיט ווייטיק און צאָרן מיין האַרץ איז צעגליט,
דאָך אַלע ראַסן און פעלקער כ׳האָב ליב.
כ׳בין אַ ייד!!!

צווײ שטיוול

געזילבערט אויפֿן הימל ווײַסע טומאַנען,
צוויי צעריסענע שטיוול איבער בלאָטעס געשפּאַנען.
איבער עלנטע פעלדער מיט בלוט באַשפּריצטע,
געשפּאַנט צוויי שטיוול מידע, פאַרשוויצטע.
געברומט האָט דאָס שלאַכטפעלד פון צער און גסיסה,
די ערד אַ פאַרווײנטע אונטער הימלען וויסטע.
בלאָטע אויף פעלדער, פון קוילן אַ רעגן,
דער מלאך המוות געשפּאַנט האָט אַנטקעגן.
אויף פעלדער פאַרשוועכטע, פון שריפות און פלאַמען,
לעבן און טויט געשפּאַנט האָט צוזאַמען.
טויט צי לעבן, וואָס איז דער חילוק?
מענטשלעך בלוט אין קריג איז גאַנץ ביליק.
זשומען קוילן, עס בלאַנדזשעט אַ שפּליטער,
ברומט אויף אַ קרעכץ, אַ לעצטער שוין ציטער.
בעטן צוויי שטיוול געשען זאָל אַ נס,
דער שפּליטער זאָל טרעפֿן אויף אַ צווייטן אַדרעס.

פון הימל גיסט פייער, מיט בלײַ האָט גערעגנט,
ס'האָט אַ לעבן מיט אַ קרעכץ די וועלט אָפּגעזעגנט.
געענדיקט זייער גאַנג צוויי צעריסענע שטיוול,
אין רוקזאַק צו אַ מאַמען אַ ניט־דערשריבן בריוול.
געבליבן אַ ניט־דערעסן שטיק ברויט,
אַ ניט־פאַרענדיקט לעבן — שטום און טויט.
נאָר אויף דער האַנט דער זייגער געגאַנגען אין ווייטער,
פון דער טויטער צייט דער שטומער באַגלייטער.

דער זיג

ווי פון אַלטן וויין באַרוישט, מיט טעם פון זיגן,
צוריק פון פראָנט, מיט פענער זיי מאַרשירן.
אָנגעזעטיקט מיט מאָרד און זינד,
פון נצחון שיכור, פון שנאה בלינד.
שופרות בלאָזן, מאַסן יובלען, סאַראַ גליק —
ס'קומט פון שלאַכט דער זיג צוריק.
מיט גרויס גאווה ער דערציילט,
וויפל קלעפ דעם שונא אַריינגעציילט.
אויף בולוואַרן דער המון טריאומפירט,
פון גרויס עקסטאַז, פון טיפשות פאַרפירט.
אויף טעמפע פנימער אַ בהימה'שער שמייכל,
פון פירהוס־נצחון פאַרלוירן דעם שכל.

בלאָזט דער פלייט, ס'רוישט דער טראָמפייט,
צום טריאומף־טויער דער פאַראַד שוין גרייט.
ס'מאַרשירט דער זיג אויף שאַנס אליזיי,
מיט אָפגעהאַקטע פיס, אויף הילצערנע קוליעס צוויי.

אַ גענעראַל וועט סאַלוטירן

אָ, ווי שיין אין געשלאָסענע קאָלומנעס מאַרשירן,
גלאַנציקע שטיוול, מיליטערישע מונדירן.
מיט הערלעכע אונטערטעניקייט זיי סאַלוטירן,
פאַר הויכגעשעצטע, אָנגעבלאָזענע אָפיצירן.
ווי שטאָלץ און בראַוו זיי דעפּילירן,
פּרויען הייס זיי אַפּלאָדירן.
ווי מוטיק צום שלאַכט זיי מאַרשירן,
צו שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד זיי שטאָלצירן.
תמיד גרייט דעם שונא אַטאַקירן,
צו פאַרגיסן בלוט זיך גוט דרעסירן,
די קונסט פון מאָרדן אויסשטודירן,
צום טויט מיט מוזיק מען וועט זיי פירן.
צוריק זיי קומען מיט וווּנדן, געשווירן,
אַ מעדאַל פאַר יעדן פוס וואָס פאַרלירן,
זייערע קברים מיט שענסטע קרענץ באַצירן,
אַ גענעראַל ביי יעדן קבר וועט שטאָלץ סאַלוטירן.

באַטש עס זילבערט

באַטש עס זילבערן מיינע האָר די יאָרן און צייט,
דאָך געהיימע געזאַנגען איך הער נאָך פון ווייט.
מיטן רוח הקודש ליידנשאַפטלעך אינטים,
אין טוי פון פרישע באַגינענס איך שווים.
מיט פלאַמען פון ליבע מיין האַרץ אָנצוטרינקען,
אין ימען פון בענקשאַפט כ׳וועל שיער ניט דערטרונקען.
אין די קאַטאַקומבן פון איבישן בנין,
כ׳האָב דאָרטן אַן אוצר פון חלומות געפונען.
דאָס בוך פון מיין לעבן — אַן אינטימע טעמע,
אַ ליד אויסגעזונגען, אַן אינזיכישע פּאָעמע.
אין אייביק אומרואיקן, ברויזיקן קוואַל,
דאָרט שטורעמט דער גייסט — אַ צעכוואַלעטער ים.

וויפל חלומות געשפּינען, געוועבט,
מיר דוכט זיך — כ׳האָב צו ווייניק געלעבט.
עס ווילט זיך אייביק איבער דער וועלט אַרומשווימען,
נאָר ווער וועט דען מיר דאָס פאַרגינען?
טו איך מיין חלום מיט קאָלירן באַפאַרבן,
אַ שאָד, אַלץ וואָס לעבט איז פאַרמשפּט צו שטאַרבן.
צווישן נעכטן און מאָרגן אַן אייביקער וואונדער,
מיט בענקשאַפט צום לעבן כ׳גיי אויס אַצינדער.
פאַרבענקטע חלומות אַלץ זיך נאָך וועבן,
צינדן אַן מיין האַרץ מיטן געזאַנג פונעם לעבן.
ס׳פאַרגייט די זון אין הייסע פלאַמען.
כ׳בענק מיטן האַרץ פון דער וועלט צוזאַמען.

ווי קען מען...

ווי קען מען דען הערצער מיט גלויבן אָנצינדן,
ווען זיי די שוואַרצע פֿייערלעשערס,
דעמאַגאָגן און פראַזן־דרעשערס,
פאַרסמען דאָס לעבן, די נשמות פאַרווונדן?
זיי די מושלים און ריכטער —
טראָגן דאָר מאַסקעס אויף זייערע געזיכטער.

ווילט איר, אַז איך פון פראַזן אַ מידער,
זאָל אייך זינגען פרומע, געבשרטע לידער?
ווען כ׳הער נאָך דעם עכאָ פון יענער שטאָלענער מוזיק,
דעם האַרמאַטן אָרקעסטער פון דעם מטורפדיקן קריג.
נאָך פאַר מיינע אויגן דער בלוטיקער נעכטן,
די קאַלטע מעסערס,וואָס מאָרדן און שעכטן.
ווי קען איך פאַרגעסן, די יסורים און זיך דערשטיקן
און זינגען אייך לידער פון גאָלדענע גליקן?
ניין, מיט מיין ליד ניט פאַרווילן איך וויל, —
וואָרענען און וועקן — דאָס איז מיין ציל.
מיין איטלעך ליד, מיין יעדער געזאַנג,
מיט ביטערניש געגערט, ווי מיט גיפט פון אַ שלאַנג.
בעט איך ניט פאַר מיינע לידער קיין לוין, ניט קיין לויב,
די וואָס, צו פיינען פון לעבן, זענען טויב.
מיינע לידער קענען בלויז פאַראומערן און דערשרעקן,
ווייל די גרוילן פון לעבן, מיט אַ פייגנבלאַט ניט פאַרדעקן.

אַ גוטע נאַכט דיר, וועלט!

עס שפּאַנט די צייט, ווי אַ ווייזער אויפן זייגער,
די זון גייט אויף אין מזרח יעדן טאָג כסדר.
אין מאַטעמאַטישן גאַנג פון בלינדע מעת־לעתן —
אייביקייט, אומענדלעכקייט, ווער וועט אייך אויסמעסטן?

די צייט שפּאַנט קיינמאָל ניט צוריק,
און אייביקן פאַרויס אויף אַ זיכערער בריק.
נאָר, ווי פון אַ שוואַרצע מיסטעריע פאַרפירט —
אונטער די רעדער פון צייט ליגט צעטראָטן דאָס גליק.

די וועלט באַפאַלן פון צעיושעטע וועלף,
דער ווייזער ווייזט שוין באַלד צוועלף,
עס קען חלילה ווערן צו שפּעט.
אַלע זייגערס פון דער וועלט ווערן אָפּגעשטעלט.
בלייבן וועט בלויז — אַמאָל איז געווען...
אַ וויסטע קרעטשמע, ווי עס הולעט דער ווינט.

כ׳בין דאָך ניט געבוירן קיין פּראָפעט,
פרעג איך: קדיש זאָגן נאָכן לעצטן מענטש ווער וועט?
לייגן אויף זיין קבר דעם לעצטן בוקעט?
ווער דעם לעצטן אַ טראַסק מיט דער טיר,
פון צעריסנעם פּלאַנעט, דער לעצטער פּאַסאַזשיר?
ווער וועט די לעצטע טרער, פון גרויס רחמנות,
איבערלאָזן אויפן אַלוועלטלעכן בית הקברות?
נאָכן אַטאָם־אויפרייס, פון טייוול אויסגעטראַכט,
ווער וועט זאָגן דער וועלט, אַ לעצטע — אַ גוטע נאַכט!

פאַרוואָס ניט פּראָטעסטירן?

וואָס ווילן די געטער דעם אייגנטלעך דערגרייכן,
ווען זיי טרייבן פון ברעגעס אַרויס אַלע טייכן?
זיי יאָגן די לאַוועס אַרויס פון וווּלקאַנען
און גיסן מיט שׂנאה פון די הימלישע קראַנען.
תּמיד ווען געטער פירן אַ הייליקן שטרייט,
ווערן לענדער מיט מיליאָנען קבֿרים פאַרזייעט.

פאַרוואָס זאָל איך שווייגן און ניט פּראָטעסטירן,
קעגן די וואָס ביי דער נאָז די וועלט זיי פירן,
וואָס פרידלעכע פעלקער מיט שׂנאה צערייצן,
מיט ימען פון שקר די וועלט זיי פאַרפּלייצן.
קעגן רוח־הטומאה, פון מאָרד און פאַרברעכן,
פאַר כּעס, כ׳וויל די שויבן פון הימלען צעברעכן.
ווי אַברהם אָבינו צעשמעטערן די געצן,
וואָס פעלקער צו מלחמות רייצן און העצן.
דער אָבערגלויבן אַז „אַנדערש קען גאָר ניט זיין״,
דאָס האָט אויסגעטראַכט דער טייוול אַליין.

אָ ניין! מיינע טייערע לייט,
כ׳וויל ניט דינען דעם פאַרדאָרבענעם געשמאַק פון דער צייט,
נאָר כּסדר אייך וועקן קעגן שוואַרצן גזר־דין,
וואָס זוכט אומצוברענגען דעם מענטשלעכן מין.
ווייל געקנאָטן כ׳בין פון גאָר אַנדערן טייג —
כ׳בין ניט געבוירן קיין באַנטשע שווייג...

פון מיין ספרים־שאַנק

כ׳שטיי אַ פּאַרטראַכטער ביי מיין ספרים־שאַנק,
כ׳הער פון די ביכער אַ ווונדער־געזאַנג.
אַ מאַגאַזין מיט עשירות פון געדאַנקען — אַ פּראַכט,
זאַפּאַסן חלומות צווישן טאָוולען פאַרמאַכט.
אויסגעשטעלט אויף פּאָליצעס אין רייען,
גרייט מיין נשמה מיט חכמה דערפרייען.
זיי שטייען אין ענגשאַפט און בענקען.
אַ פריינטלעכן טרייסט־וואָרט מיר צו שענקען.
אָט קריכט אַרויס פון אַ בוך הוגאָס זשאַן וואַל זשאַן,
פון אַ צווייטן — דער גלאָקן־ציער פון נאָטרע דאַם.
רייסן זיך אַריין אין טעמפּל פון מיין מחשבה, —
ס׳שפּילט זשאַן קזשישטאָף אויף די סטרונעס פון מיין נשמה.
טייל אָטעמען מיט ווייטיק, ווער מיט פרייד און באַנג,
זיי ברענגען מיר פון פרייהייט דאָס מעכטיק געזאַנג.

טייערע פון אַלץ מיר יענע ביכער,
געשריבן פון ערלעכע, דורשטיקע געמיטער.
זייער שטילער שעפּטשען אָפט איז שטאַרקער,
פון די העכסטע אַקאָרדן פון דונער־געוויטער.
זענען ביכער, ווי אַ ליכטיקער פרימאָרגן,
אַ ווונדער־געזאַנג אין זייערע בלעטלעך פאַרבאָרגן.
זיי קומען מיט ליכט מיין נשמה באַשטראַלן,
מיט דרייסטע געדאַנקען און שענסטע אידעאַלן.
זיי וועקן מיך פון שלאָף, רעדן צו מיר אין חלום.
פון מענטשלעכער פריינדשאַפט און אייביקן שלום. —
פון טראַגעדיעס און דראַמעס, פון ליבע אַ געזאַנג,
דערציילן די שטומע ביכער פון מיין ספרים־שאַנק.

האַנס אַנדערסען

מיין באַליבטער שרייבער איז האַנס אַנדערסען,
ס׳האָבן געוואַגטע געדאַנקען אין מיר געצונדן זיין פען.
זיינע מעשהלער האָבן תמיד מיין פאַנטאַזיע צעגליט,
ליבע צום לעבן אין מיין האַרצן צעבליט.
ער האָט מיך באַקאַנט מיט די „מיסט־זשוקעס״
מיט יענע פאַרדאַרבענע, געשווירענע מרוקעס,
וואָס מיסט איז דער זין און ציל פון זייער לעבן, —
וואָס ווייסן זיי דעם טעם פון חלומות און שטרעבן?
דער קאַמף קעגן אומיושר, קעגן יעדע דעספּאָטיע,
די „מיסט־זשוקעס״ פאַרשרייען פאַר אַ פּוסטע אוטאָפּיע.
אַזעלכע בעל חשבונות, געשווירענע רעאַליסטן,
זיי לעבן גאַנץ פריילעך אין אַלע קופּעס מיסטן.
זייערע ברודיקע נשמות מיט שנאה באַלאַסטן, —
זייערע הערצער — אַ פולער מיסט־קאַסטן,
ווען ס׳חנפענען, דעם קעניגס נייע קליידער, די צבוע׳קעס, —
אַנדערסען האָט מיך געלערנט — דער קעניג איז נאַקעט...
אַן אומגליקלעכער פּאַיאַץ מוז ווילן דעם עולם מיט וויצן,
ווען, צוליבן טויט פון זיין געליבטע, זיין האַרץ ווערט צעריסן.
נאָר דער פויגל אין גאָרטן מיט זיין וווּנדער־געזאַנג,
זיין ליד פון פרייהייט באַהויכט מיין לעבנס־גאַנג.
מיין באַליבטער שרייבער, האַנס אַנדערסען, —
ס׳האָבן געוואַגטע געדאַנקען אין מיר געצונדן זיין פען.

אַ בליץ אין דער נאַכט

אַ שטראַל פון האָפענונג, אַ בליץ אין דער נאַכט,
מיט פלאַמיקע ווערטער אַרויס אין דעם שלאַכט!
אַ שלאַכט ס׳זאָל קיינמאָל מלחמות ניט זיין,
דער מענטש מער קיין קרבן פון בלוטיקן פיין.

ס׳זאָל מער אויף דער וועלט דער בלינדער,
ניט געריבט ווערן טאַטעס ביי פיצעלער קינדער.
צי איז דאָ נאָך אַ גרעסערער ווונדער,
ווי דאָס אויפגיין פון זון און שמייכל פון קינדער?

זאָל אייך עקלען צו נעמען אַ ביקס אין דער האַנט,
מאָרד — דאָס גרעסטע מענטשלעכע שאַנד!
דאָס גרעסטע משוגעת, רשעות פון העכסטן אַקאָרד,
קריג — דאָס שווידערלעכסטער מאַסן-מאָרד!

קריג — דאָס בעסטיאַליש נידריקסטע פאַרברעכן,
פון אוממענטשלעכע געמיינקייט, שאַרלאַטאַניש-פרעכן.
אַנשטאָט די ביקס אין האַנט אונדז צו געבן —
ווער וועט אונדז שענקען דאָס פרייד פון לעבן?

קעגן האַרמאַטן און טאַנקען — די בלוטיקע שפראַך,
פאַר שלום און פריינדשאַפט — שטיי אויף דער וואַך!
די כלים פון מאָרד פון טייוול אויסגעטראַכט,
צו פאַרשפרייטן איבער דער וועלט זיין פינצטערע מאַכט.

זאָל מיין רוף אין דער טויבקייט — זיין אַ מעכטיקער קלאַנג,
אַ געשריי פון פּראָטעסט — פון טרייסט אַ געזאַנג.
אַ שטראַל פון האָפענונג. אַ בליץ אין דער נאַכט,
מיט פלאַמיקע ווערטער אַרויס אין דער שלאַכט!

אין יעדן האַרץ

אין יעדן האַרץ וווינען פייגל צוויי:
אַ שוואַרצע קראָ און אַ סאָלאָוויי.
איינע ווי אַ פויגל אין גן עדן,
די צווייטע, פון גיהנום טראָגט די ליידן.
פאַר דער קראָ איז בלוט איר זיסטער געטראַנק,
קרעכץ און ווייטיק איר ליבסטער געזאַנג.
אָבער ווער זינגט אַזוי פריידיק און פריי,
ווי דער גן עדן־פויגל — דער סאָלאָוויי?
אין יעדע שוואַרצע נשמה זיצט אַ שד געפאַנגען,
וואָס טראָגט אין זיך דעם סם פון שלאַנגען.
נאָר ווען ס׳איז ליכטיק, פריי —
זינגט אין אים — אַ סאָלאָוויי.

אַמאָל איז לעבן אַ פעטער בוך מיט אַ נאָז פאַריסן,
אַן אַנדערער — אַ זעקל ביינער און די שיך צעריסן.
יעדער שפּאַנט דורכן לעבן, ווי דורך אַ בריק,
אַהין, ווי קיינער קומט מער ניט צוריק.
נאָר ווער עס שפּאַנט מיט געזאַנג און לידער,
און ווער ס׳שלעפּט זיך אַ דערשלאָגענער, אַ מידער.

אויב לעבן איז געגליכן צו אַ בוך,
זענען דאָ נשמות, פון פידלען, קאָסמישע נגינים,
אַנדערע לאַנגווייליקע, צעבראָכענע כלי־זין,
ניטאָ אין זיי וואָס צו לייענען.

פוסטער עליגאַנט

אַ האַרץ פאַרלאָשן, קאַלט און מיד,
אין אים האָט קיינמאָל געפלאַקערט קיין ליד.
אַ פוסטע נשמה, אָנגעטאָן עליגאַנט,
צו לעבן אין פוילקייט — דעם גרעסטן טאַלאַנט.
צו לייענען ביכער — טרוקן ווי האָלץ,
דאָס פאַרטראָגט ניט זיין געבוירענער שטאָלץ.
נאָר דאָס טשעק־ביכל פון רייכן טאַטן,
קוויקט די נשמה פון אַזעלכע ווילע יאַטן.
פרייהייט, יושר, פון היץ־קעפ פלוידעריי,
מען געגעצט פון לאַנגווייל סיי־ווי־סיי.
ער פאַטשט זיך פון נחת דאָס פעטע בייכל,
און חוזקט מיט אַן איראָנישן שמייכל: —
די וועלט וועסטו סיי־ווי ניט איבערמאַכן!
דאָס איז פון די־אַלע דער בעסטער טרייסט,
וואָס פאַרמאָגן קיין טראָפּן בונטאַרישן גייסט.
וואָס גייט זיי אָן צי ועמען געפעלט,
אַזאַ פּיפּיקער יאַט פייפט אויף דער וועלט.
אַ געבוירענער פראַנט אין אַ זיידענעם פראַק,
שיט פון אים פוסטקייט, ווי פון אַ צעלעכערטן זאַק.

זייט באַקאַנט! דאָס איז דער העלד,
פון דער היינטיק מאָדערנער, פאַרדאַרבענער וועלט!

הימלישע טויערן

הערצער וואָס קיין טראָפּן ליבע פאַרמאָגן,
פאַרשלייערטע געדאַנקען אין מוחות זיי טראָגן.
פאַרשימלטע פּראַזן זיי וואַרפן דיר אין פּנים,
טויזנטער ליגנס שרייען אין דיינע אויערן:
קאָנפוציוס, בודאַ, גאָט פון רחמנות, גאָט פון נקמה —
קאָווען אין קייטן דיין שוואַכע נשמה.
זיי שיטן מיט ווערטער, ווי זאַמד אין די אויגן —
האָסט מענטש — די לעצטע האָפענונג פאַרלוירן.
די אַפּאָסטאָלן פון טויט און הייליקע אינקוויזיציעס,
פון געטער און טייוולאָנים — הייליקע קאָאַליציעס.
פאַלשע נביאים פון דעספּאָטישע געטער, —
מיט בלוט און פייער שרייבן די געשיכטע־בלעטער.

כ׳ווייס ניט צו גאָט געהאַט האָט אַ מאַמען,
צי טאַקע פון רוח הקודש מיר שטאַמען?
כ׳ווייס, די זשאַנדאַרמען פון דער הימלישער וועלט,
מויערן פון שנאה צווישן פעלקער געשטעלט.
הערצער מיט האַס, דעם קרייץ אין די הענט,
מיט פרומע תפילות צו די קלויסטער־ווענט.
נשמות צו אַלע דערלייזערס פאַרשקלאַפטע,
צו אַ גאָט צום קרייץ מיט טשוועקעס צוגעקלאַפטע,
פון וועמענס הייליק, געטלעכע וווּנד,
שנאה אָנשטאָט ראָפע רינט.

זאָל מיין פריינד ניט זיין דיר קיין וווּנדער,
אויף די געטער אין דיפּלאָמאַטישע צעלינדער,
אין מלחמה פאַר מאַכט, פאַר טעריטאָריעס אַ שטרייט —
די וועלט מיט מיליאָנען קברים פאַרזייט!

דו וואַרטסט...

דו וואַרטסט פון ערגעץ אַ רוף צו דערהערן,
זינקסט אין פינצטערניש, דו פאַרבלאָנדזשעטער שטערן!
דו קרוין פון באַשאַף וואַלגערסט זיך אין מיסט —
אַ הערשער און קנעכט, אָט וואָס דו ביסט!

עס גליט נאָך אין דיר דער רשעות און צאָרן, —
פון אַ שפּלדיק באַשעפעניש אַ מענטש ביסט געוואָרן.
אויב ביסט אַ מאַן, דרייסט מיט מוט,
פאַרגיס ניט מער קיין מענטשלער בלוט!
כאָטש די בריק פון מענטש צו מענטש איז צעריסן,
דאָך אַפּעליר איך צו דיין מענטשלער געוויסן.
כאָטש ביסט נאָך אין הינערפּלעט, אין בייזן חלום —
רוף איך — נעם אין האַנט דאָס געווער פון שלום!

ווייל מענטש דאַרפסט דאָס גוט וויסן,
דאָס גוטס פון דער וועלט איז פאַר דיר צום געניסן.
דער צויבער פון שיינקייט, פון ליבע און שטרעבן,
דאָס אַ מתנה דיר מענטש איז געגעבן!
צי זיין אַ מענטש ווייסטו וואָס מיינט? —
צו שטרעבן צו אַ שענערן, ליכטיקן היינט!

אויף דער בינע פון שקר

אויף דער בינע פון שקר ס׳שפּילן די אַרטיסטן —
אַ פאַרצווייפלטע אוידיטאָריע, צעשראָקענע סטאַטיסטן.
אַ בלוטיקע דראַמע פון מיליטערישע סטראַטעגיע —
טרעטן אויף די קרבנות פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע.

פאַר די קאָמעדיאַנטן פון ווייסע הייזער און קרעמל מויערן
דו קליין מענטשעלע, צו לייטיש געלעכטער — ביסט פאַרלוירן!
ווייל פון גיהנום־פלאַמען, די וועלט־אַקטיאָרן,
וואַרפן אָן אויף דיין גורל אַ פינצטערן צאָרן.
זיי דעפּילירן פאַר דיר אין דיפּלאָמאַטישע קליידער,
דו זאָלסט מיט חניפה זיין אַפּלאָדירין כסדר.
דאָס איז גאָרניט קיין שפּיל אַזוי סתם —
ס׳לאַכט דאָך מעפיסטאָ פון מענטשלעכן שטאַם.

גרעמירט אין די ראָלן פון נאַפּאָלעאָן און יוליוס קייזער —
יעדער דור האָט זיין פאַרשאָלטענעם אויסלייזער.
נאָר אונטער די קוליסן פון די היסטאָרישע שפּילן,
שלאָגט זיך יעדער דאָן קיכאָט מיט זיינע ווינטמילן.
פון אַלע וועלט־סצענעס שרייט אַראָפּ דער טויט,
מאָרד און פאַרברעכן לויערט אונטער יעדן פּלויט.
שנאה און בלוט די סימני־מובהקס געוואָרן איז גראָדע,
פון דער פאַרדאָרבענער ציוויליזאַציע — די לעצטע מאָדע.
ס׳קריכט אַרויס אויף דער בינע די באַרבאַרישע טיראַניע,
די פינצטערע גזע — דאָס וואַנדאַלישע גערמאַניע.

נאָר איר פאַרבלוקטע הערצער, וואָס טראַכטן און פילן —
זעט, די אַקטיאָרן, אַ בלוטיקע קאָמעדיע זיי שפּילן!

מיין ליד...

זאָל מיין ליד פון האָפענונגען צעהעלטע,
מיט דרייסטע געדאַנקען צוזאָמענגעגראַמטע,
ניט ווי בלעטער אין האַרבסט פאַרגעלטע,
ווי פענער פון פרייהייט איבער הימלען צעפלאַמטע.

ווי אַ לאַווע וואָס גיסט פון ווולקאַנען,
ווי אַ זעגל איבער צעברויזטע אָקעאַנען,
ניט ווי פייגל אין שטייגן געפאַנגען —
אָדלערישע פליגלען — מיינע געזאַנגען.

די וועלט צו באַפרייען פון שקר און צוואַנגען,
דער מענטש זאָל דערוואַכן צו העכסטע פאַרלאַנגען,
צו באַלייכט דאָס לעבן מיט ליכטיקע לאַמטערן, —
אַ מאָרגן־געזאַנג, אַן אויפגייענדער שטערן.

ניט צו באַקראַנצן מיין נאָמען מיט יחוס,
ניט צו טומלען אויף רוישיקע יארידן,
נאָר מיט אויפריכטיקע, ערלעכע שליחות,
צום פאַרבלאָנדזשעטן מענטשן דעם מידן.

טובל איך מיין ליד אין העלישע פייערן,
מיין פעדער אַ שטורעם־גלאָק זאָל ווערן,
מיין אָרעם, פאַרצווייפלטע ברידער —
צום לעבן זאָל וועקן די פלאַמיקע לידער.

דאָס יאָר 1984 לויט דזשאָרדזש אָרוועל

אַ שוואַרצער פּריליִנג אויף די פעלקער געקומען,
דאָס פריי וואָרט אויף אייביק פאַרשטומען.
מיט סדומישע געזעצן פון וויסטע קאַשמאַרן,
צו פאַרוואַנדלען די וועלט אין סאַלדאַטסקע קאַשאַרן.
דער „גרויסער ברודער" מיט אַ קאָפּ אָן געהירן,
אַ שטיינערן האַרץ, אָן טראָפּן געפילן.
פאַרשקלאַפונג ביי אים — אַ פרייהייט־חלום,
מלחמה — הייסט ביי אים — אמתער שלום.
קיין שום חלומות ניט דערלויבט איז צו שפינען,
אַפּיקורסישע געדאַנקען זאָל ניט קומען אויפן זינען.
שווייגן געוואָרן דער גרעסטער פאַרמעגן,
דער מוח ניט צו טראַכטן, דאָס מויל ניט צו פרעגן.
מיט פאַלשע פראַזן, פּאַטריאָטישע געזאַנגען.
אין ליגנערישע נעצן די נשמות געפאַנגען.
ווי געבוירן אַ טויבער און שטומער —
ביסט מענטש ניט מער ווי אַ ציפער, אַ נומער.
דאָך מוזט איר פאַרשקלאַפטע זינגען געטריי: —
„ניטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, ווי מען עטעמט אַזוי פריי".

און אפשר שטייען מיר אויף דער שוועל,
פון יאָר 1984 לויט דזשאָרדזש אָרוועל?

לעצטע נייעס

די צייטונגען ברענגען נייעס די לעצטע,
ס'שמייכלען דיפּלאָמאַטיש — לייט הויכגעשעצטע.
נייעסן פון מאָרד און סעקס־סקאַנדאַלן,
פאַרברעכן געפּאָרט מיט דעמאָקראַטישע וואַלן.
שאַנטאַזש און באַטרוג, פּאָליטיק און זנות,
דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס געבאָדן אין בלוט.
עס לעבצן די נייעסן נאָר גרויסע סענסאַציעס,
הונדערט דערשאָסענע, ראַפינירטע פּראָוואָקאַציעס.
ס'קוויקט זיך די פּרעסע מיט בלוטיקע קאָשמאַרן,
פון טויזנטער טויטע, אָן קאָמענטאַרן.
לעבנס געשאָכטענע, געפּייניקט, געשענדט,
פעלקער געקוילעט, שטעט פאַרברענט.
אינטריגעס, טעראָר, מאָרד, אַטענטאַטן,
ס'ווילט אַ פּרעזידענט די פאַראייניקטע שטאַטן.
פּאָליטישע רעדעס, דיפּלאָמאַטישע נאָטעס,
ס'באָדן זיך די נייעס און פּאָליטישע בלאָטעס.
אין שקר און כזב די וועלט איז פאַרזונקען,
פון פּאָליטיק און פון שינאה דאָס לעבן פאַרשטונקען.
יעדער ביטרער, פּיפּיקער זשורנאַליסט,
גראַבלט מיט זיין פעדער, ווי מיט אַ בעזעם אין מיסט.
דאָס איז גאָר קיין נייעס, וואָס נאָר דערשינען —
אַז די גאַנצע וועלט אַראָפּ איז פון זינען!!!

די נאַטור

די נאַטור זי ענדערט, שאַפט נייע געשטאַלטן,
אָבער ווי אַ פעלדז צוגעשמידט צום סדר דעם אַלטן.
זי איז שטום און רעדט מיט טויזנט צינגער,
ווי אַ פּאָעט, אַ גרויסער זינגער.
זי קוקט מיט מיליאָנען אויגן — בלינד,
שפּינט האַרמאָניע פון כאַאָס ווילד.
שלעכט, ברוטאַל, מילד ווי אַ קינד.
צניעות געפּאָרט מיט גרויסן זינד.
פון אייביקייט דער צעשטערערישער קראַפט,
דעם קוואַל פון לעבן זי נאָר שאַפט.
דער שעפער פון אָרדענונג און גרויסן כאַאָס,
זי טרייבט צום טויט, ווער ווייס פאַרוואָס?

די נאַטור דער גרעסטער ספּעקטאַקל,
דער אַקטיאָר וואָס טרעט אַרויס איבעראַל.
דאָס לעבן איר שענסטע ווערק.
זי שענקט אונדז איר פּרוכט צו געניסן —
ווער וואַגט דאָס איר פּרוכט צו פאַרוויסטן?
מעגסט די נאַטור שאַרף קריטיקירן,
נאָר מיט איר קיין מלחמה ניט פירן.
ניט צעשטערן נאָר בענטשן, —
די אייביקע פריינטשאַפט צווישן נאַטור און דעם מענטשן.

אין די קאַטאַקומבן פון דער נשמה

ווען צער און צאָרן נעמט מיך אַרום
און ס׳וויינט דאָס האַרץ און יאָמערט שטום,
פון ספקות דער אַנגס, פון חרטה די פּלאָגן,
וויפל ווייטיק קען אַ האַרץ דען אויסטראָגן?
קען מען דעם אמת מיט אַ שיינעם ליגן פאַרוויגן,
ווען מען איז פון זיך אַליין ניט צופרידן?
מעג מען די ליידן מיט תענוגים פאַרזיסן,
פון די זיסקייטן פון לעבן וואָס מער געניסן,
מען קען אַנטון די נשמה מיט פלאַמיקע פליגל,
בלייבט מען אַנטוישט נאָך אַ בליק אין דעם שפּיגל...
צי קען אַ מענטש זיך אַליין באַזיגן
און שטייגן אַלץ העכער אויף צעבראָכענע שטיגן?

צי קען אַ מענטש אַליין זיך פאַרשטיין,
גריבלען אין די קאַטאַקומבן פון אייגענער נשמה אַריין?
ס׳איז אפשר אַ קליפּע אַזאַ אין מיר,
דורכן שליסל־לאָך אַריינצוקוקן אין דער נשמה־טיר?
צי בין איך אַזאַ באַשטראָפטער פאַרשוין,
צו בלאָנדזשען אַרום צווישן וואָר און טרוים,
און פירן מיט מיין חלום אַן אינטימען פלירט?
צום סוף האָט דער חלום מיך דרייפאַך פאַרפירט.
און אפשר איז דאָס גאָר ניט אַזוי שיין,
צו רעדן רכילות אויף זיך אַליין?

דיקטאַטאָר

אַ פאַרפרוירן האַרץ, אַ קאַלטע נשמה,
אַן אכזור, טיראַן, אַ גאָט פון נקמה.
פון הערשונג־תאווה צעפלאַמט און צעגליט,
אַ האַרץ פון מעטאַל, ניט פון פלייש און בלוט.

ער דער הערשער איבער פאָלק און לאַנד,
פאַרטראָגט ניט קיין שום ווידערשטאַנד.
דאָס גאַנצע פאָלק — אַ סטאַדע צעשראָקענע מייז,
איבער זיי צו הערשן נאָר ער ווייסט.
נאָר ער ווייסט וואָס פאַרן פאָלק איז גוט.
אים שרעקט קיין צער, ניט קיין בלוט.
דאָס גאַנצע פאָלק איין אַרמיי,
דאָס גאַנצע לאַנד איין קאַזאַרמע.
דאָס לעבן געשמידט האַרט און גרויל,
ווער ס׳האָט אַ צונג ער פאַרמאַכט דאָס מויל.
ער שטראָפט מיט קנוט און האַרטן רוט,
באָדט די פרייהייט אין אַ ים פון בלוט.
זיין חכמה — אין גענעראַלישע שטיוול,
דורשטיק צו מאַכט — אַ גרויסער מנוול.
אַ האַרץ אָן געפילן, אַ קאָפּ אָן געהירן,
גרייט זיין פאָלק אין גיהנום צו פירן.

אויך ער לעבט אין פחד פונקט ווי זיי,
פאַרשקלאַפטער צו רשעות — אַליין אויך ניט פריי.

אַטאָמישער טויט

מענטש — דאָס קלינגט היינט שווידערלער פּרעך!
גרייטסט קעגן זיך אַליין דעם גרעסטן פאַרברעך.
צו דיינע גרויליקע, פּינצטערע פאַרלאַנגען,
דער טייוול אַליין איז דערצו ניט דערגאַנגען.
האָסט אין מדבר פון לאָס אַלימאָס,
דאָרט געבוירן דיין גרעסטע משוגעת.
מיט דער אַטאָמישער אויפרייס־קראַפט דער טומאה,
האָסט אַליין זיך געשאַפן אַ גאָט פון נקמה.
אַליין ביסט געוואָרן אַ טייוול, אַ מולך,
מיט אַ פאַרברעכערישן מוח, גרויזאַם און גרוילער.
אינעם פּיצעלע אַטאָם, וואָס האָסט געשפּאָלטן,
ליגט די מוראדיקע רשעות פאַרבאָרגן.
אין ברענענדיקע שריפות פון אַש און פלאַם,
אומצוברענגען דעם גאַנצן מענטשלעכן שטאַם.

דיין חכמה אַנשטאָט דעם מענטשנס גליק צו לייסטן,
גרייטסטו מיט אוראַניום די וועלט אויפצורייסן.
אונדז צו פאַרטרייבן אין ים פון ניט־זיין —
דאָס לעבן פאַרמשפּט — אונטערצוגיין.
היי ערד, דער גאָט יופּיטער לאָזט דיך גריסן!
אַט וועסטו פון אַטאָמען אויף שטיקער צעריסן!
געבליבן דיר מענטש די איינציקע אָקאַזיע,
צו מאַכן אסוף צו דיין בלוטיקע פאַנטאַזיע,

כ׳ווייס...

כ׳ווייס, זיידענע קריטיקערס וועט מיין ליד ניט געפעלן,
וואָס פּאַראַ היינטיקער דיכטער־ — וועלן זיין פרעגן —
זאָל שרייבן אַלטמאָדיש ווי אין עדעלשטאַטס צייטן?
זיין נאַיווע צוואה „אַ גוטער פריינט״ —
פּאַסט גאָר ניט פאַר דער היינטיקער צייט.
נעם איך ניט צום האַרצן זייערע חשובע רייד —
וויכטיק — ניט ווי אַזוי נאָר וואָס מען שרייבט —
צי הוליען ניט בייזע ווינטן, ווי ביי אברהם רייזען?
יאָ, די וועלט איז נאָך אַלץ געשריבן מיט גרייזן.
ווי מאָריס ראָזענפעלדס שאָפּ מיט עלנד און ליידן,
די וועלט פון אומיושר זיך קען ניט אויסהיילן.
זי פאַרמאָגט צופיל געגערעלער, צופיל באַפעלער
און צופיל מיליאָנען הונגעריקע מיילער.
צי ווילט איר דען אַליין זיך אָפּנאַרן?
ס׳זינקט דאָך די וועלט אַלץ אין אוישוויץ־קאַשמאַרן!
זאָלן אַנדערע זיך גריבלען אין פאַרנעפּלטן געשאַנק,
פאַר מיר מיינט דיכטונג — געוואַגטער געדאַנק!
כ׳האָב געלערנט פון די גרויסע פאָלקס־פּאָעטן,
דעם אמת מיט חניפה ניט לאָזן פאַרגלעטן.
שרייט מיין ליד אַרויס פון די חורבות און אַשן, —
פון בלוט און פון שקר די וועלט אָפּצוואַשן!!!

עס שווידערט די וועלט...

עס שווידערט די וועלט פון קדחת
און פיבערט פון אומרו און פּחד.
נאָר די וואָס לעכצן נאָך מאַכט מיט תּאווה,
פאַרייסן די קעפּ מיט הערשערישער גאווה.
אָבער דו קליין מענטשלעכע אויסגעשטעלט אויף באַראַט,
אויף דער וועלט־בערזע, וואָס שטייט פאַר באַנקראָט.
אַלע דיינע חלומות — בלויז צוקונפט־מוזיק,
דער וועג צום גן עדן — אַ צעבראָכענע בריק.
וויסן זאָלסטו, אַז צום גרויסן באַדויער,
דאָס לעבן — צום גיהנום אַן אָפענער טויער.
שיינט אויף די לבנה, שטאַרבט אָפּ אַ שטערן, —
פאַרזייעט איז די ערד מיט מאַמישע טרערן.
און דו אויף דער וועלט אַ צופעליקער עפּיזאָד,
אַ פרעמדער אַפילו אין דיין אייגענער שטאָט.
אויף דער ערד־פּלאַנעט בלויז אַ גאַסט, אַ טוריסט, —
אַ גרויסער בעל גאווה, אַט וואָס דו ביסט!

גייסטו אַוועק, וועט קומען אַ צווייטער,
די וועלט איז אַ גרויסער אָרקעסטער,
שטאַרבט אָפּ אַ קלעזמער, דער אָרקעסטער שפּילט ווייטער.
נאָר פון אַלע טראַגעדיעס די גרויסע דיריגענטן,
אייך קומט ניט קיין „בראַוואָ”, קיין אַפּלאָדיסמענטן.

איר גלויבט די גזלנים

ווער האָט אייך פאַרוויגט אין אַ זאַרגלאָזן דרימל,
אייך חלומט עס פאַלט מן פונעם הימל.
פון אייערע פּרוטה־נשמות שרייט דער דלות אַרויס,
פון גן עדן פאַרטריבן, פון עולם הזה פאַרשטויסט.
מעג מען די שטאַרקסטע אַרגומענטן אייך צושאַרן,
בעט איר גאָט מען זאָל אייך אָפּנאַרן.
באַשעפעניש וואָס דאַרפן עסן נאָר גראָז,
לאָזן פון יעדן שאַרלאַטאַן זיך פירן פאַר דער נאָז.
איר לויבט די גזלנים וואָס ווערן אַלץ פרעכער,
און קניט מיט הכנעה פאַר די שווינדלער, פאַרברעכער.
איר דינט די פּריסטער פון שקר, מיט אַ גלויבן אַ בלינדער
און קושט די שטיוול פון די מערדער און שינדער.

ווער זאָגט אַז דער מענטש איז הייליק, דערהויבן? —
עס וואַלגערט זיך זיין גייסט אין שמוציקע שטויבן.
עפּעס אַ טפשות אין זייערע קעפּ איז פאַרזייעט,
צו שפּאַנען צום טויט מיט אָרקעסטערס באַגלייט.
איר דאָס גרויסע מענטשלעכע געזינדל,
די קרבנות פון גרעסטן מענטשלעכן שווינדל,
זעט איר דען ניט אַז די וועלט מסוכן איז קראַנק?
פאַר וואָס ציטערט איר פאַר יעדן געוואַגטן געדאַנק?
ווער וועט די שאַנד פון אייער געוויסן אָפּמעקן,
צו אַ לעבן פון פרייהייט און יושר אייך וועקן?
ווער וועט געפינען אַזאַ תרופה־פּלא,
אויסצוהיילן פון טפשות די פאַרבלאָנדזשעטע קאַפּעלע?

אַ וועלט פון גזילה

איך האָב די אַלטע באַסטיליע געשטורעמט,
אַ נייע באַסטיליע אייך אויפגעשטעלט.
אַ נייעם סדום אויפן אָרט פון אַלטן,
מיט די זעלבע סדומישע רשעות־אַנשטאַלטן.
כ׳וואַרף שטיינער אין אייער גלויבן,
כ׳האַק אונטער די פליגלען פון אייערע טויבן.
כ׳צעשמעטער אויף שטיקער אייער הימלישן לייטער,
צום וויי־גן עדן כ׳בין אייער באַגלייטער.
אַ צעשטערער, פון שנאה אַ בלינדער,
אַ שוואַרצער דעמאָן, אַ וועלט־אונטערצינדער.

אָ, איר טיפּשים וואָס מיט אייגענע הענט,
איר בויט אַ גן־עדן פון טורמע־ווענט.
איר זוכט אַ נייעם געטלעכן דעספּאָט,
פון די לוחות אויסצומעקן דעם פינפטן־געבאָט.
מיט אַ בולקע מיט פוטער אייך צו פאַרנאַרן,
אייערע נשמות אונטער קראַטן פאַרשפּאַרן.
איר בויגט אייערע קעפּ פאַר יעדן באַצווינגער,
און האַלט צווישן די ציין די שטומע צינגער.
געַנוג צווישן אייך טיפּשים פּאַראַנען,
וואָס פלעכטן לאָבער־קרענץ פאַר יעדן דזשינגיס־כאַנען.
איר קענט גאָר ניט לעבן ווי גליקלעכע, פרייע —
איר פאַרלוירענער דור פון חסר־דעה!

כ'שפּאַן אין גאַס

כ'שפּאַן איבער דער אומעטיקער גאַס,
ס'וויינט דער הימל מיט רעגן, אויף דער נשמה איז נאַס.
וווהין שפּאַן איך און וואָס איך זוך? —
ס'איז דאָס לעבן אַ לאַנגווייליק בוך.
אין גרויען מאַרקאָטנעם האַרבסטיקן טאָג,
כ'פיר מיט זיך אַליין אַזאַ דיאַלאָג: —
ס'איז דיין לעבן ניט מער ווי אַ פּלאַם,
דו נאַרישער, עראָגאַנטער בן אדם!
ביסט ניט מער ווי אַ פלאַטער, וואָס גיט אַ בלישטש,
אַ ליכטל, וואָס גיך זיך פאַרלעשט.
געבוירן פון זינד, צווישן אומרעכט דו לעבסט,
פון נעכטיקע טעג אַ חלום דו וועבסט.
זינקסט אין טיפקייט פון גייסטיקער נויט —
גלייך פון געבוירן, פאַרמשפּט צום טויט.

שפּאַן איך איבער דער וועלט מיט צעשראָקענע אויגן,
דער הימל פון האָפענונג — מיט אַ וואָלקן פאַרצויגן.
ווילט זיך אין דעם מרודנעם טאָג דעם גרויען,
פון טרויער ווי אַ וואָלף זיך צעוואָיען.
ס'איז די וועלט ווי געשאַפן פאַר חוזק און שפּאָט,
שריי איך ווי סלאַוואַצקי — „ס'איז מיר אומעטיק גאָט!"
מיט באַדויער, בענקשאַפט און באַנג,
זענען מיינע לידער פון צער דאָס געזאַנג.
אַלע זייגערס פון דער וועלט דרעמלען שוין איין,
די וועלט איז פאַרשיכורט פון בלוט און פון וויין.

דער שטעלפֿאַרטרעטער

גאָט האָט ניט ליב אַרומצוגיין אין אַ שלעכטן וועטער,
שיקט ער אַראָפּ אויף דער ערד זיין שטעלפֿאַרטרעטער.
שפּאַנט גאָטס־שליח אַ דורך אַ וועלט מיט לענדער,
שרייבט אָן גאַנצע טוצן הייליקע בענדער.
אַמאָל דונערט זיין וואָרט מיט כעס און גרויל,
אָדער עס גיסט זיך האָניק פֿון זיין פֿרומען מויל.
מיט גאָטס נאָמען אויף די ליפּן, טייוול אין האַרצן,
די וועלט מיט גלוחישע שנאה פֿאַרשוואַרצן.

די גלויביקע פֿון צרות געטראָפֿענע,
שטייען ווי, די פֿערד אויף די מערק, פֿאַרשלאָפֿענע.
מידע פֿון די וואָכיקע יאָכן און זאָרגן,
ווי די קעמלען אויף די פּלייצעס די האָרבן.
בעטן זיי ביי די הימלען אַ משיח זאָל געבוירן,
אַ שאָד, וואָס דאָס מוז אַזוי לאַנג געדויערן,
ביז די אייזלען מיט די לאַנגע אויערן,
וועלן דאָס שאַלן פֿון משיחס שופֿר דערהערן.

פֿאַרוואָס מוזן מענטשן פֿאַר געצן זיך ביקן,
און יעדער משיח זאָל רייטן אויף אייזלישע רוקן ?
אַזוי איז מסתמא פֿון די הימלען באַשערט,
יעדער גלויבט מיט שופרות, מיטן שאַרף פֿונעם שווערד,
קומען מיט שטורעם און בייזן געוויטער —
דער אַפּאָסטאָל פֿון ליבע — אַן אינקוויזיטאָר.

איר קאַלטע נשמות

איר קאַלטע נשמות, פאַרשמאַכטע שטילשווייגערס,
איר פראָפעטן פון מרה שחורה!
געבוירענע אסירים, געשווירענע שקלאַפן,
ווי איז אייער דאָרשט צום לעבן?
מיט אַלע מוזעס צעקריגט און צעשיידט.
וואָס ווייסט איר פון בענקשאַפט, —
דעם טעם פון דער פרייד?
העכער פון אַלץ איר האַלט פון זיך נאָר אַליין,
פון חלומות, מחשבות — אייער מוח איז ריין.
אייערע נשמות — אָפּגעטראָגענע קליידער,
צו די שימלען פון חורבות ציט אייך כסדר.
וואַסער שעפּט איר פון אויסגעטריקנטן קוואַל, —
אייער מענטשלעך האַרץ — אַן אָפּענער שטאַל.

קיין ליכטיקע חלומות אין אייערע הערצער ניט בליען,
קיין פונק פון ליבע דאָרטן ניט טליען,
קיין גלויבן, קיין האָפענונג אין זיי ניט פאַראַנען, —
אייערע הערצער — פוסטע טשעמאָדאַנען.
צו וואָס טראַכטן, מיט געדאַנקען זיין רייך,
ווען די גאַנצע חכמה שטייט איין נאָר ביי אייך?

אָבער דו מיין פריינד, מיין ליבער,
זאָל דיין האַרץ זיין אַ שטורעם־געוויטער,
דיין נשמה — אַ פלאַמיק־צעגליטער.
הייסע נשמות זענען טויזנט־מאָל ליבער,
קאַלטע נשמות — מיר באַדויערן דעריבער.

לאַנגווייל

פון דער מאָדערנער קראַנקייט זיך שווער אויסצוהיילן,
אַ צרה אַן אַנשיקעניש, מען טוט רק זיך לאַנגווײלן.
מיד פון לעבן, פון פליכט און געטרייהייט,
מיד פון קעמפן פאַר יושר און פרייהייט;
מיד פון טראַכטן, פון שטרעבן, אידעאַלן.
לייענען ביכער — ווער איז היינט אַ בעלן?
טאָמאַס מאַן, באַלזאַק און מאַרצעל פּרוסט,
גענוג אַז די נעמען זענען אונדז באַוווּסט.
טאָלסטויס „מלחמה און שלום" דאָס איז זיין אייגן שולד,
ווער האָט אַזויפיל בענדער צו לייענען געדולד?
קאַמי, קאַפקאַ, זיי טוען לאַנגווײלן,
דאָס לעבן איז קורץ מען דאַרף זיך פאַרווײלן.
צו זיין אינטעליגענט, מען דאַרף ניט לייענען קיין סך,
גענוג אַ חכמהלע, אַ חניפה, אַ שבח.
ניט לייענען איז היינט קיין וואַזשנע טראַגעדיע,
גענוג כאַפּן אַ בליק אין אַ גרויסער ענציקלאָפּעדיע.
דעם מענטש איז לאַנגווײליק — גלייכגילטיק, מיד,
ער שווימט אַרום אין לעבן, ווי אויף אַ מאַרקאָטנעם יריד.

דער דעמאַגאָג

אַ קאַלט האַרץ, פינצטער און הויל,
פייער פון שנאה געשפּריצט פון זיין מויל.
פאַרבלענדט פון אַ טירוף אַ בלינדן —
אַ מויל וואָס געקאָנט אַ וועלט אונטערצינדן.
אַ קראַנק האַרץ געשוואָלן פון גאווה,
צו הערשן, באַפעלן, אַ קרענקלעכע תאווה,
ווי פון אַ ווולקאַן געשפּריצט ווערטער אַ לאַווע,
ווי אים וואָלט באַשערט די איינציקע סגולה,
צו בלאָזן שופר פאַר דער אמתער גאולה.
געווען אַזאַ מאַן געלאָזט זיך ווייט הערן,
אַ פּאַסטוך איבערן פאָלק פאַרגלוסט האָט אים ווערן.

פון דער געשוואָלענער גרויסקייט אַוועק איז די שכינה,
ס'איז דער אַקטיאָר אַראָפּ פון דער טריבונע.
דאָס פאַרסמטע מויל פאַרלוירן די מאַכט,
געבליבן, ווי אַ גענעראַל נאָך אַ פאַרשפּילטן שלאַכט.
די ראָל פון אַ צעזאַר האָט אים זיך פאַרוואָלט,
מיט אַ פּאַפּירענער קרוין, ניט פון גאָלד.

כ׳געדענק

כ׳געדענק ווי מיין מאַמע האָט שומר׳ס ראָמאַנען געלייענט,
אין דרויסן האָט פון די הימלען מיט רעגן געוויינט.
מיין טאַטע האָט טיף געקרעכצט פון שלאָף —
אַ קינדערלער, וואָס דערפון זיין ווערט דער סוף?
אַז דאָס לעבן איז געוואָרן בזיל און בזול,
האָט דער זיידע געשעפטשעט אויף אַ שטילן קול.
און מיין פעטער, אַ יידל אַ יוסטער און פעסטער,
געשמייכלט אונטער די וואָנצעס, ווי אַ נסתר.
נאָר איך האָב גאָר געחלומט וועגן אַ שיינער פרינצעסין,
אַ נאַרישער חלום, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.
נאָר די פרינצעסין איז אַנטרינען אין מיטן דערינען,
כ׳האָב לאַנג זי געזוכט, מער קיינמאָל געפונען.
האָט גאָר פאַרגלוסט מיר אַ רואה ואינו נראה צו ווערן,
דאָס שלעכטס פון דער וועלט מיט אַ בעזעם אויסצוקערן.
ווייל ניט אמת וואָס עס דערציילן די הייליקע ביכער —
דאָס גיהנום איז אויף דער ערד — אין דעם בין איך זיכער.
צי קען אָבער אַ דיכטער מיט זיין אָרעמער פען,
ווי מיט אַ נאָדל אָן פאָדעם, די וועלט איבערניטשעווען?
שפאַן איך מיט מיין חלום צווישן פאַרלוירענעם דור,
וואָס טאָפּטשעט אין דולהויז־באַגריפן,
כ׳בין אַ וואָגלער צווישן חלום און וואָר,
אַ מאַטראָס אויף פאַרבלאָנדזשעטע שיפן.

ווער בין איך?

ווער בין איך, וואָס טו איך? —
אַ שטומע נשמה אין די נעצן פון לעבן.
פאַרן ספינקס פון אייביקן וווּנדער,
כבלאָנדזשע אַרום ווי אַ בלינדער,
אַליין מיטן אייגענעם שאָטן,
פאַרן מאַיעסטעט פון שווייגן.

צו וועמען זאָל איך פון מדבר רופן?
עס ענטפערט מיר אַן עכאָ פון טיפע אָפּגרונטן,
מיטן יאָמער פון נעכטן, פון ווינט דער געוויין —
כ'שטיי אין דער נאַכט איינזאַם אַליין.
פון לעבן באַקומען שווערע שוין קלעפּ,
כ'וואָלט זיך צעוואָיעט, ווי אַ וואָלף אין דער סטעפּ.
דאָס געזאַנג פון לעבן, צו וואָס זאָל איך הערן,
ווען מיין אָטעם אַזוי לייכט פאַרלאָשן קאָן ווערן.
ווען סכנות לויערן פון אונטער יעדן פּלויט,
גרייט אַריינצופלעכטן אין די נעצן פון טויט.
צו וואָס אַלע האָפענונגען, חלומות און שטרעבן?
צו וואָסס זויגן די זיסקייט, דעם האָניק פון לעבן?
מען איז דאָך ניט מער, ווי אַ בליץ וואָס פאַרגייט,
אַ שפּענדל אין דער שטומער אייביקייט.
קום איך אָן האָפענונג, פון לעבן אַ מידער,
אייך צו פאַרקויפן מיינע ברוגזע לידער.

ערגעץ זע איך...

ערגעץ זע איך ליכט,
הער איך טענער, הער איך קלאַנגען.
ערגעץ ווינט דער ווילן,
אַ מאָרגן־קראַפט פון בליענדע געדאַנקען.
אין דיר אַליין לעבט דאָס גליק,
דו דאַרפסט דאָס קענען פאַנגען.
אין דיר אַליין זינגט די פרייד,
מיט מעכטיקע געזאַנגען.
דו אַליין ביסט די פרייהייט,
דאַרפסט נאָר וואָגן פליען.
דאָס פייער פון מעכטיקן פאַרלאַנג,
זאָל אין דיין האַרצן גליען.
אין גאָלדן־גלאַנץ פון הערלעכן באַגינען,
כ׳האָב געזוכט און זיך אַליין געפונען.
אין מאָרגן־ליכט, אין זילבער־קלאָרע טייכן,
זאָל צום אָדלער־פלי מיין נשמה גרייכן.

כ׳בין אַ מאָדנער גאָר פאַרשוין,
וואָס חנפעט ניט און קיינעם ניט מקנא.
כ׳בעט פון קיינעם קיין לויב, קיין לוין —
נאָר צום פרייען מענטש, פון יושר די פרינציפּן,
ווי בליצנדיקע טראָפּנס־טוי —
אַ תפילה שעפּטשען מיינע ליפּן.

באַרצעלאָנע

אָ, שיינע באַרצעלאָנע, דו פּערל פון קאַטאַלאָניע,
דיין געשיכטע אַ דרייסט אימפּאָזאַנטע,
דיין חלום פון האָפענונג אַ צעפלאַמטע.
דיין העלדן־ליד און העראָישע טאַטן —
האָסט דעם פאַקל פון פרייהייט קיינמאָל ניט פאַראַטן.

דער טרויער שרייט אַרויס נאָך פון דיינע פענצטער,
געדענקסט נאָך די גרוילן פון שוואַרצע געשפּענסטער.
דעם עכאָ פון פאַשיסטישע האָרדעס דאָס וואָיען,
דעם בלוטיקן מאַרש פון די פינצטערע סטראָיען.

אָ באַרצעלאָנער, מיין סאַלוט אייך, העראָישע ברידער,
אייערע מוטיקע לידער הערט מען שוין ווידער.
עס פליסט אין דיר דאָס בלוט פון די פּאַריזער קאָמונאַרן,
פערערס מאַרטירער־גייסט, פון תליה׳ס די קאָשמאַרן.

פון דיין האָפן איז אַרויסגעשווימען קאָלומבוס קריסטאָף,
באַגלייט מיט חוזק און שפּאָט פון די פיליסטערס.
אָבער ער האָט מיט דרייסטן געדאַנק געקענט,
שענקען דער וועלט אַ נייעם קאָנטינענט.

אויך דו באַרצעלאָנע מיט דרייסטן געדאַנק און טאַט,
האָסט אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע אַ העראָישן בלאַט.

זשערמינאַל

ביסט דער חודש פון האָפענונג און פרילינג,
פון חלום און טרוים דער געזאַנג.
דער פאַקל וואָס באַלייכט פינצטערנישן טיפע,
מיטן פרישן קראַפט פון בליענדיקן געדאַנק.
אַ מעכטיקע פרייד ליגט אין דיר פאַרבאָרגן,
וואָס טרעט אויף רואינעס פון אונטערגייענדיקע וועלטן,
מיט זיסע מעלאָדיעס שפרייזט צום ליכטיקן מאָרגן.
וואַרף אַוועק די טרויעריקע ירושה פון פאַרשאָלטענעם נעכטן!
פאַרטרייב דעם געררוך פון דער אָפּשטאַרבנדיקער געזעלשאַפט.
ווי אַ שטאָלצער פויגל איבערן לאַנד, דעם פאַרשוועכטן,
פאַרן פחד פון גרויזאַמקייט און קאָרופציע.
פאַרן מענטש וואָס שמאַכט אין מאַכטלאָזן בטחון,
צעשמעטערסט פון שקר די פאַלשע אינסטיטוציע.
עס רופן צו דיר די פאַרצווייפלטע פעלקער,
דער יאָמער־געשריי פון פאַרבלוטיקטע הערצער.

קום זשערמינאַל מיט די ריחות פון פרילינג,
מיט ברענענדיקע ליידנשאַפט נאָך פרייהייט.
פרייד דאָס איז דיין געווער —
שלאָג דערמיט דעם שקר! צעוויג די גלעקער!
ביסט דאָס ליד פון אונדזער טרוים,
צום לעבן — דער וועקער!
ביסט פון האָפענונג און באַנייאונג,
די בשורה פון פרילינג און באַפרייאונג.
זשערמינאַל, צעטרייסל די שרעקלעכע מאַכט,
פון דער אומברחמנותדיקער ווינטער־נאַכט.

ליגן פעלדער...

ליגן פעלדער אין פאַרנאַכטיקן באַנג,
די פייגל געזעגענען דעם טאָג מיט געזאַנג.
ברייט די שאָטנס איבער בערג זיך צעלייגן,
ס׳פאַרגייט דער טאָג אין טיפן שווייגן.
אונטער זילבער־וואָלקנס, די הימלישע פויערהאַנגען,
די זון איז אין בענקשאַפט שוין פאַרגאַנגען.
אירע שטראַלן זיך טינקען אין גאָלדענעם פייער, —
די נאַכט האָט פאַרצויגן איר טונקעלעם שלייער.
דער טאָג, ווי אַ נעפל פאַרשוווּנדן,
אויפן הימל זיך שטערן געצונדן.
די זון פאַרגאַנגען אין קאָלירטע פלאַמען,
האָט מיין בענקשאַפט נאָך שטאַרקער צעפלאַמען.
אַ הייסער באַגער נעמט מיך ציען —
ווי נעמט מען פליגלען, צו מיין חלום צו פליען?
ס׳האָט אַן איינזאַם ליכטל אין דער טונקל אָנגעצונדן,
דאָס פלעמל און מיין בענקשאַפט איז אין נאַכט ניט
פאַרשוווּנדן.

אויב געגליכן צו אַ טייך איז מיין לעבן,
אויף איר איז צעבראָכן די בריק,
וואָס איז שוין איינמאָל דערטרונקען,
קומט קיינמאָל מער ניט צוריק.
אָבער וואָס איז פון דעם אַלעם דער זינען?
כ׳ווייס אַז נאָך נאַכט קומט אַ העלער באַגינען,

איר העלדן

איר וואָס צו שחיטה גרייט צו קניען,
און דינען דער שאַרף פון דער שווערד —
הערצער וואָס קענען מיט ליבע ניט בריען.

זוכט ניט קיין שונא מלחמה צו פירן,
איר׳ט נאָכן טויט קיין עולם הבא ניט געפינען,
נאָר עולם הזה אויבעט פאַרלירן.

צו וואָס מאָרדן, בלוט פאַרגיסן?
איר נאַרישע העלדן, טוט בעסער ליבן,
די פרוכט פון לעבן וואָס מער געניסן.

אייך נאַרישע העלדן, מען דאַרף אייך דען זאָגן —
בעסער אין די בעטן מיט אייערע ווייבער גייט שלאָפן!
איידער אויף בלוטיקע פראָנטן זיך שלאָגן.

אַ גרעסער פאַרגעניגן איר וועט דערפון האָבן,
ווי אייגן און פרעמד בלוט צו פאַרגיסן,
צו ווערן צופרי אין קאַלטע קברים באַגראָבן.

כ׳געדענק...

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון פאַניע ה.

כ׳געדענק די שטילקייט פון זומער פאַרנאַכטן,
עס פאַרלאָזן די ווייסל די לעצטע שוין יאַכטן.
מען הערט דעם ריטמישן קלאַנג פון די רודער,
עס געזעגנט אָפּ דער טאָג פון רוישן אַ מידער.
די נאַכט פאַרדעקט די וועלט מיט איר הימלישן טלית,
מען הערט פונעם טייך דאָס רוישן פון כוואַליעס.
פון אַן אָפענעם פענצטער גיסן זיך קלאַנגען פון פידל,
שאָפּענס מוזיק, ווי אַ שומען פון וואַלדישן טיפן,
אַ געהיימער געזאַנג פון ליבע בגילופין.
— האָסט מיך ליב ? פרעגן פאַרשעמט אירע ליפן.
מיט זיסן ציטער מיט כישוף אָנגעטרונקען,
ווי אַ שיר השירים מיט פרייד אויסגעזונגען.
כאָטש מיר ביידע אַזוי ערנסט און סעראָזן,
דאָך אין די הערצער זיך אַ פייער צעבלאָזן.
ווען די צייט, וואָס זידט, ווי אַ טייך זיך פליסן,
וואָלט דאָס לעבן טאָפּלט-פול געווען מיט תענוג אַ זיסן.

אַ, ווען מיר וואָלטן וויסן וואָס דער גורל וועט שפּינען,
וואָלטן מיר אפשר באַצייטנס פון דער סכנה אַנטרינען.
אַ וויסט קלאַג-ליד געוועז באַזינגען אונדז באַשערט,
אַ ווונדערלעכע פריינדשאַפט, ווער האָט צעשטערט ?
אַ גלויבן וואָס האָט אפגענאַרט האָט אונדזערע וועגן
צעטיילט,
מיט אַ ווייטיק אין האַרצן וואָס ווערט קיינמאָל פאַרהיילט.
איר האָט דער שקר-גלויבן אין אירע נעצן געפאַנגען,
מיט צעווייטיקטע הערצער מירן זיך פונאַנדערגעגאַנגען.
זי פונעם דור פון געטריישאַפט אַ גאַנצער,

געדינט ווייטער דעם גלויבן — דעם אייזערנעם פאַנצער.
געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנקע צווישן גרויליקן וואָיען,
נע־ונד צווישן ווירבל פון פינצטערע תוהו ובוהון.
איר העלדיש לעבן מיט גרויזאַמקייט אַ פאַרמעסטונג,
נאָר איר האַרץ איז געבליבן פאַר געטריישאַפט אַ פעסטונג.
דאָך נעכטיקע חברים געקוקט אויף איר פאַרדעכטיק,
דער האַס צו איר שטאַם געוועזן איז צו מעכטיק.
דערזען איר חלום מיט שקר פאַרגאָסן —
צוריק צו איר שטאַם! האָט איר געטריישאַפט באַשלאָסן.

נאָך העלדישע יאָרן געקומען צו מיר צוריק,
נאָך יאָרן פון בענקשאַפט געברענגט מיר דאָס גליק.
פון מענטשלעכקייט דערגרייכט דעם העכסטן ראַנג,
געקומען מיט אַ לויטער האַרץ פון איידלסטן געזאַנג.
ניט צום לאַנד פון ווייסל, נאָר ווי דער ירדן פליסט.
באַפרייט פונעם שקר, די פרייהייט באַגריסט.
ניט לאַנג, האָט ליידער, איר נשמה מיינע טעג באַהעלט,
די שפורן פון מלחמה האָט אירע יאָרן פאַרשמעלט.
פון אַנטוישטן חלום, פון שינאה שוין מיד,
דאָס הערלעכע לעבן — אויסגעזונגען איר לעצט ליד.
געבליבן כ'בין מיט צער און בענקשאַפט אָן אַ שיעור,
דאָך שטאָלץ, פאַר יעדע שעה, וואָס פאַרברענגט כ'מיט איר.
ביים טויטן־בעט געוואָלט מיר עפּעס זאָגן אירע ליפּן,
אָ, טייערע, וואָס געקענט העלדיש קעמפן און ליבן.
איר יוגנט, אַ לעבן אָפּגעגעבן דער געטריישאַפט אַ קרבן,
פאַר מיר לעבט זי ווייטער, פאַר מיר ניט געשטאָרבן.

וואָלסטריט

ס׳רוישט וואָלסטריט מיט ביזנעס אַלערליי,
מיט שווייס פון האַרלעם, מיט קאַוטשוק פון מאַליי.
מיט מיידלישן אומולד, דאָלאַרן, דעוויזן,
ס׳בליט דער האַנדל מיט וויסטע קאַפּריזן.
מיט נעפט און בלוט — האַנדל־טראַנזאַקציעס,
פון זינד און בלאָפן שטייגן די אַקציעס.
מען פאַרגעסט אויך ניט צו פרעסן און זויפן,
אַלע פאַרגעניגנס פאַרן דאָלער צו קויפן.
אַ מעכטיקער בבל־טורעם פון דאָלער און קאָרופּציע,
פון אַטאָמישן טויט די גרעסטע פּראָדוקציע.
אַ הייליקע קאָאַליציע צווישן הערשאַפט און געלט,
דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ פון דער קראַנקער וועלט.

הערצער און מענטשלעך געוויסן,
אויף זיבעציק לשונות געוואָרן צעריסן.
אַ מענטש זאָל דעם צווייטן מער ניט פאַרשטיין.
צווישן מענטשן מיליאָנען, זיין **איינזאַם אַליין.**
באַנקירן, מיליאָנערן, צעלינדער־דיפּלאָמאַטן,
פאַר זיי אַ גן־עדן די אָליגאַרכיע שטאַטן.
די ביזנעס זענען גאָר פיין און אָלרייט,
גוד ביי! צום בית־עלמין איז אויך גאָר ניט ווייט.

אַ מענטש

אַ מענטש, ווי אַסך אַנדערע כשרע לייט,
פּטרט אָוועק אין די שענק זיין געשענקטע צייט.
אַ מידער איבער גאַסן שיכור אַרומצוואַנדלען,
זוכט ער דעם ווינט זיין חלום פֿאַרהאַנדלען.
אָנצוואַרעמען די נשמה — מהיכא תיתי!
און דערטרינקען דעם וואָרעם אין אַ כוסה.
אפשר איז דאָס לעבן שטאַרק אים דערעסן,
ווייל שענקען אים גליק האָט דער גורל פֿאַרגעסן?
וויי איז צו דעם וואָס זיין חלום פֿאַרלירט,
ווערט פֿון טייוול אויף קרומע דרכים געפֿירט.
וואַרפֿט ער אַ בליק צו די ליידיקע פֿעסער —
אָן דעם ביטערן טראָפּן איז דער ווייטיק נאָך גרעסער.
שפּאַנט די נאַכט אין שוואַרצן העמד
און דער שיכור טענה'ט צו די קנייפּיע ווענט.
שטייט ער, ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא,
מיטן ליידיקן בעכער, מיט דער אַלטער טענה:
פֿאַרוואָס פֿון גורל ביי דער נאָז געלאָזט פֿירן,
פֿאַרשלאָסן צום גליק — די אייזערנע טירן?
ענטפֿערט אים אַ קול פֿון ליידיקן פֿאַס: —
ס'איז די וועלט — אַ גרויס משוגעת!

כ׳מיש די בלעטער פון מיין זכרון

שטיל שטייט דער סאָד, עס שלאָפט שוין דער עפּל־בוים,
פון זיסן קוואַל מען הערט דאָס רוישן קוים.
איבער דער פאַרדרימלטער וועלט די לבנה וואַכט,
נאָר איך קען ניט שלאָפן אין דער פאַרכישופטער נאַכט.
מיש איך די בלעטער פון מיין זכרון,
פון פאַרצויבערטע נעבט פון פאַרגאַנגענע יאָרן.
פון קינדישן פרייד און יוגנטלעך גליק —
די פאַרבן פון נעבטן — אַ וווּנדער מוזיק.
די פריילעכע שפּאַצירן אין וואַלד ביים טייכל,
פאַרשריבן אין מיין זכרון איר גאָלדענער שמייכל.
פרייד געשפּראָצט פון יעדן איר בליק —
כ׳וואָלט גערן געבלעטערט צו מיין נעכטן צוריק.
געוועזן זי ווי דאָס מעשהלע — אַ נימפע פונעם טייך,
אַ לעגענדע פון אַ פּרינצעסין, מיט טויזנט חנ׳ען רייך.
מיט גרויסע בלויע אויגן, מיט פער שוואַרצע צעפּ,
ווי עס זינגט זיך אינעם לידל — אַ מלכה פון סטעפּ.
ווי אַ ליכטיקער חלום שטייט זי פאַר מיינע אויגן,
צום פאַרלוירענעם גליק כ׳וואָלט דורך פייער געפלויגן.

כ׳האָב מער דעם טעם פון פרייד ניט דערקענט,
געלאָזט אונטער זיך אַ נעכטן פון שריפות פאַרברענט,
זענען מיינע יאָרן מיט צער און אומעט געפלאָכטן,
מיין גליקלעכער חלום מיט מעסערס געשאָכטן.
געבליבן די טייערסטע אין די קברים פון פוילן,
טינק איך מיין פעדער אין די חורבות און גרוילן.

מיינע ערשטע זינד

פון דמיון צעפלאַמטן, מיט יוגנטלעכע פרייד,
מיט ליבע אַרומנעמען די וועלט געוועך גרייט.
געוועך זענען דאָס מיינע ערשטע זינד,
כ׳האָב לידער געשריבן נאָך זייענדיק אַ קינד.
קינדישע לידער האַרציק נאַיווע,
וועגן פרייהייט און שלום, מיט געפילן טיפע.
מיט וויפל ציטער אין אַ האַרץ איז פאַראַנען,
מיט זינגענדיקע טריט צו מיין חלום געשפאַנען.

אָבער ווער האָט חלומות פון גלויבן צעשטראַלטע,
געשאָכטן, באַגראָבן אין קברים די קאַלטע?
פון אַ ליכטיקן לעבן געמאַכט אַ גרוילעכן וויי,
געצאַפּלט געפלאַמט אין דערשטיקן געשריי.

מיין געשאָכטענער חלום אין תהומען פאַרשווונדן,
די קינדישע לידער אַוועק מיט די ווינטן.
פאַרשטומט דער פרילינג־געזאַנג אין מיין מויל,
מיט מעסערס דערשטאָכן, וואַנדאַליש און גרויל.
צאַפּלט און שווידערט אַלץ מיין נשמה,
ווי געפינט מען אַ טרייסט, כאָטש אַ שטיקל נחמה?

שפּאַן איך אין מיין פאַרטרויערטן גאַנג,
מיט עבאָס פון קברים באַגלייט,
פון רויכיקע שייטער, דער צער־געזאַנג
איבער דער פאַרבלוטיקטער, פארשוועכטער צייט.

גאַסן

רייכע גאַסן אין פּריילעכע ליכט געטונקען,
מיט העל באַלויכטענע חלומות־פאַבריקן,
מיט פאַלשן שמייכל, געלעכטער און שפּאַט,
לאַקט און מאַניעט צו שיכרות, זנות.
בענק, אַ בערזע, געשעפטן און אַקציעס,
געשעפטן, האָטעלן, בורדעלן, רעדאַקציעס.
קאַבאַרעטן, נאַכטלאָקאַלן — פאַלשער גלאַנץ
ס'לאַרעמט דער דזשאַז, פאַרבעט צום טאַנץ.
די מענטשן אויסגעפּוצט אין שלייער עלעגאַנטן,
ווייבער באַצירט מיט פּערל און ברילאַנטן.

נאָר די אָרעמע געסלעך, ענגע, קרומע,
אַ שטומע, באַליידיקטע נשמה.
עס שרייט דער עלנט אַרויס פון די אויגן,
ס'איז דער דלות אונטער יאָכן געבויגן.
בלאָנדזשעט די לבנה אַרום איבער דעכער,
אַ פאַרזאָרגטע, אומעטיק, בלאַס,
אין מרה־שחורה זינקט די גאַס.
מעלאַנכאָליש צאַנקען די שטערן,
אַ מאַמע פאַרוויגט אַ קליין קינד,
באַגיסנדיק דאָס קישן מיט טרערן.

כאָטש די נאַכט איז אומעטום די זעלבע,
נאָר די אָרעמע געסלעך מיט טרערן און קרעכץ.
טרויעריקע שאָטנס אין פינצטער זיי וועכן —
פון נויט און פון עלנט דאָס פאַרשאָלטענע לעבן.

פראַמאָטעאוס

צעוס וועט דיר דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעבן,
וואָס האָסט די מענטשן דאָס פייער געגעבן.
געוועקט צו פרייהייט דאָס אייביקע שטרעבן,
די ערד פארזייעט מיט די קערנער פון לעבן.
דעם שקר אַראָפּגעריסן פון זיין הויכן פעדיסטאל,
אָנגעצונדן אין הערצער דעם פרייהייט־אידעאל.

דו גנב פון פייער, הערא̇ישער בונטאַר!
פון פלאָמיקע פאַנטאַזיע — אַ גליענדער זשאַר.
וואָלסט קיינמאָל ניט פאַרטוישט אויף געוויס,
דיין ביטערע שטראָף פאַרן זיסטן שקלאַפן־דינסט.
צו זיין צעוס קנעכט — דאָס קיינמאָל ניט!
שוין ליבער צום פעלדז מיט קייטן געשמידט.
געוועזן פראָמאָטעאוס דיין העכסטער פליכט,
די מענטשן צו שענקען דאָס פאַקל פון ליכט.

צעוס איז טויט, די געטער געשטאָרבן,
נאָר עס ברענט אַלץ דיין פאַקל פונעם ליכטיקן מאָרגן.
מירן אייביק דיך געדענקען, וואָס דיין לעבן,
פאַר דער מענטשלעכער פרייהייט און גליק אָפּגעגעבן.
אָבער ווער וועט דעם פאַקל פון ליכט איבערנעמען,
דאָס פייער ניט פארלעשן, אַז אייביק ס'זאָל ברענען?

לא אני חטאתי

כאַטש אַלע חלומות שוין זענען באַנקראָט,
דאָך כ׳שטיי ניט, ווי אַ בעל־תשובה, פאַר דיר מיין גאָט.
און ניט ווי אַ בעטלער ביים מלך עליונס טיר —
ניט איך, נאָר דו גאָט האָסט געזינדיקט אָן אַ שיעור.
מודה אני, לא אני חטאתי.
דער רבונו של עולם דאַרף האָבן חרטה.
מיט אַ מבול פון בלוט זיין פאָלק פאַרגאָסן,
די שערי דמעות פאַר זיי האָט פאַרשלאָסן.
כאַטש כ׳בין ניט קיין צדיק, דאָך דעם בורא.
כ׳רוף, ווי דער אַפּטער רבי, דיך צו א דין־תורה.
אין ווען האָסטו, רחום וחנון, גענומען נקמה,
וואָס געטריי דיך געדינט מיט זייער גאַנצער נשמה?
וווּ ביסטו געווען ווען מען האָט געשאָכטן מאַמעס
מיט קינדער,
צי ביסט דאָן געווען טויב אָדער בלינדער?
וווּ איז געווען דיין געטלעך געוויסן,
ווען מען האָט פּיצלעך קינדער אויף שטיקער צעריסן?
ווען דאָס בלוט פון דיין פאָלק האָט צום הימל געשריגן,
האָסטו אַלץ געשוויגן!
צוקוקן גלייכגילטיק דאָס איז דיין גבורה?
ניין, ניט מיר, דו דאַרפסט ווערן אַ בעל־תשובה!
ווייל פאַרן געשריי פון פּיין האָסט פאַרמאַכט דיינע אויערן,
געבראָכן די שבועה, צו דיין פאָלק האָסט געשווירן.
מיר ווילן ניט זיין דיינע סניגורן,
נאָר אויסשרייען אונדזער ווייטיק און צאָרן.
ניט טראָגן מער קיין תפילה אין צעווייטיקט מויל,
צו דיר דער בורא פון אוישוויצער גרויל.

יידישע גאַסן

כ׳געדענק אייך אָרעמע יידישע גאַסן,
פון צעגליטע דמיונות, פאַרחלומטע מאַסן.
פרום געדאַווונט צו גאָט מיט בטחון,
פון עולם הזה ניט געוואָנט צו פאַרזוכן.
אין פאַרחושכטע היימען פון שוסטער און שניידער,
דער הונגער געקלאַפּט אין די פענצטער כסדר.
אַ פאָלק וואָס תמיד געוועבט און גענייט,
מיטן דלות געפירט אַן אייביקן שרייט.
די מנחם־מנדלס איבער גאַסן פאַרשמייעטע,
אין הויזן מיט לאַטעס, קאַפּעלושלעך צעדרייטע.
פאָרלעך פאַרליבטע מיט וואַרעמען בליק,
געשפּאַנט צו דער חופה מיט פידל־מוזיק.
וואונדערלעכע חלומות אויף די גאַסן געבליט,
אַ פאָלק פון געטריישאַפט — אַ גלויבן געשמידט.
יונגע נשמות גרייט אין טורמעס צו שמאַכן,
די טומאה וועלט, פריי און גליקלעך צו מאַכן.
געווען אויך אַזעלכע אין יענע שטורמישע יאָרן,
אויף וועגן־אומוועגן קיין ארץ־ישראל געפאָרן.

פאַרוואָרצלט אין עלנט, היימיש און פרעמד...
אַ פאָלק פון חלומות דערמאָרדעט געשענדט.
אַ פינצטערע וואָר, פון טייוול געשמידט,
אַוועק איז מיין פאָלק אין פייער־דינאַמיט.
וואָס איז פון יידישע גאַסן געבליבן? —
צער און ווייטיק אין מיין האַרצן איז פאַרשריבן.

ניטאָ מער...

ניטאָ מער דאָס אָרעמע שטעטל פון אומעט,
פון אייביקן אומרו, ניט זיכערן תמיד.
ווי באַבעס פון טייטש־חומש געלייענט,
דער האַרבסט האָט אין דרויסן מיט אומעט געוויינט.
יידישע מאַמעס פון צו אָפטע תניתים,
געבעטן פאַרן לעבן ביי די נשמות פון מתים.
געווישט די טרערן איבערן ווייבערישן סידור,
פאַרוויגט קליינע קינדער מיט האַרציקע לידער.
אין האַרבע נויטן, הונגער און פיינען,
פאַרמאָגט האָט דאָס שטעטל טויזנטער חנ׳ען.

אין אָרעמען שטעטל צווישן געסלעך קיין סך,
געשטאַנען אַ הייזל מיט אַ צעבראָכענעם דאַך.
געוווינט דאָרט מיין חלום — די שיינע פרינצעסין.
אַ חלום, וואָס קיינמאָל כ׳וועל מער ניט פארגעסן.
געוואָקסן אַ בלום — גאָלדעלע מיין פראַכט,
צוויי אויגן בריליאַנטן, דאָס פנים געלאַכט.
אונטערן שטיפערישן נעזל, צוויי ליפּן געבריט,
מיט פרייד און ליבע אירע בעקלעך געבליט.

דער חלום געשטאָרבן, אין וויי־און־ווינד פאַרזונקען,
אַ פרעכטיקע ליבע אין בלוט איז דערטרונקען.
ניטאָ מער מיין גאָלדעלע, דאָס שטעטל ניטאָ,
ווי קען נאָך די זון לייכטן אויפן הימל־בלוי?
ווען פון פינצטערע תהומען, גרויליק־שוואַרץ,
קאַלטע מעסערס געשאָכטן דאָס גאָלדענע האַרץ.
דעם אוצר פון מיידלישן פראַכט, —
פון פינצטערע ברואים געוואָרן אומגעבראַכט.
וועט אין מיר דער ווייטיק קיינמאָל פאַרשטומט,
אייביק וועט ברענען אין האַרצן דער וווּנד.

דער טייוול ער לאַכט

ס׳האָט זייער ליבע באַגלייט מיך אין שלאַכט,
געוואָרעמט מיין נשמה אין דער קעלט פון דער נאַכט.
אין נעפּלדיקער פינצטערניש, אין בענקשאַפט איינזאַם,
מיין היים מיר געלויכטן, מיט איר העלישן פלאַם.

צי ווייסטו ווי אָפט מיר געחולמט,
מיין ווייב, מיין היים, מיינע קינדער?
געבליבן פון זיי איז ניט קיינער,
בלויז צעבראָכענע ווענט און עלנטע שטיינער.

ליגט מיין גאָרטן פּוסט און וויסט,
אַ וויסטער צאָרן פון די הימלען גיסט.
קיין שום לעבן מער דאָ בליט.
צעריסן מיין נעכטן מיט פּראָך, דינאַמיט.

שטיי איך פאַרן חורבן פון מיין דערמאָרדעטע היים,
אַרום בלאָזן הפקר־ווינטן פאַרשייט.
ווי אַ בייזער חלום, וויסט און לער,
אַ וואַנט פון אַ פּוסטע קרעטשמע דאָ שטייט.

האַלט איך נאָך אַלץ די ביקס אין האַנט,
אין מיין חרובער היים, נאָכן בלוטיקן שלאַכט,
אַנגעשפּאַרט אויף אַ צעריסענע וואַנט —
כ׳הער, ווי דער טייוול ער לאַכט.

ס׳לאַכט דער טייוול מיט חוזק אַ פּרעכער, —
די מלחמה־אנצינדער — די גרעסטע פאַרברעכער.

ניט וועגן לבנה־נעכט

ניט וועגן לבנה־נעכט, ניט פון רויזן און בלומען,
ניט מיט פריידיק געזאַנגען צו אייך כ׳בין געקומען.
מיין ליד איז טריב, מיטן ביטערן ריח פון קברים,
פון קערפּערס צעמזיקטע, צעריסענע בגדים.
פון אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס בעטלען ברויט,
פון נשמות צאַנקנדע, וואָס פאַכען פאַרן טויט.
די פינצטערע קאָשמאַרן, מיך לאָזן ניט שלאָפן,
פון שרעקלעכן חורבן, וואָס מיין פאָלק האָט געטראָפן.
און וויפל איך זאָל פון ווייטיק ניט שרייען,
ווערטער פון צער מיר וועלן ניט סטאַיען.

כ׳הער אַלץ פון רוצחים די פּרעבע געלעכטערס.
דאָס געשריי פון קרבנות אונטערן מעסער פון שעכטערס.
דער צער פון אַ פאָלק, וואָס צום טויט איז געטריבן —
פון זיבן ברידער — נאָר איינער געבליבן...
דעם ווײ־געשריי פון מיליאָנען אין האַרצן כ׳מוז טראָגן,
אויף זייערע ליכטיקע חלומות, וואָס אין קברים באַגראָבן.
חוץ קברים און צער, וואָס פאַרמאָגן מיר נאָך ?
אַ חורבן געירשנט, דעם פּיין און דעם בראָך.
וואָס איז דען אונדז חוץ קברים געבליבן ? —
ניט מיט טינט נאָר מיט בלוט זענען די ווערטער געשריבן.

ס׳וועט קומען אַזאַ פּשוטער טאָג

דעם חלום מיין פריינד ניט פאַרברען!
ס׳וועט קומען אַזאַ פּשוטער טאָג,
אפשר אַזאַ פּשוטער טאָג וועט קומען?
וועסט מיט פרייד געבן אַ זאָג: —
מער ניט קיין רויך און קיין פייער!
אַזאַ פּשוטער טאָג וועט קומען,
דאָס לעבן זיין וועט וווּנדערלעך טייער.
אפשר איז דאָס גאָר ניט קיין חלום?
וועסט מיט פרייד געבן אַ זאָג: —
ברידער, געקומען איז דער אייביקער שלום!
ס׳וועט קומען אַזאַ ליכטיקער טאָג,
אַזאַ פּשוטער טאָג וועט קומען,
אין דיר אַליין דאָס געווענדט,
דאָס לעבן זיין וועט וווּנדערלעך טייער,
וועסט אין בלוט מער ניט טונקען דיינע הענט!
ניט פיין מער, קיין רויך און קיין פייער.
זע ווי דאָס לעבן איז וווּדערלעך שיין!
מיר וועלן בלויז פרייהייט און ברויט!
מיין פריינד קום און מיר זאָג: —
ווער טרייבט דיך צום אומזיניקן טויט?
ס׳וועט קומען אַזאַ פּשוטער טאָג,
דעם חלום מיין פריינד ניט פאַרברען!

עס גייט אויף די זון

עס גייט אויף די זון — אַ ליכטיקער שפּיגל,
די נאַכט טראָגט זיך אָפּ, זי גייט ערגעץ שטאַרבן,
אַ פּראַלודיע — דער שפּראָץ פון באַגינען,
און אָקעאַן פון קאָלירן, אַ סימפּאָניע פון פאַרבן.

ווי אַ ליכטיק געזאַנג גייט אויף דער פרימאָרגן,
דער חלום צעשפּרייט זיינע פליגל.
הערעס שווימט אַרויס פון סודות פאַרבאָרגן,
די זון אַ פאַרבענקטע שמעלצט זיך אין טיגל.

אַ זילבער טייכל פריילעך זיך פליסט,
אַלרוינען און נימפעס וווינען דאָרט.
אַ ליפּע־בוים זיינע פאַרפומען צעגיסט,
אַפּאָלינע אַליין געבענטש האָט דאָס אָרט.

אַ גרינער לאַנדשאַפט, ווי מיט אַ פּענדזל געמאָלן,
אַ היפּאָקרענע־קוואַל, מיט אַמבראָזע די טאָלן.
אָבער פאַרוואָס, ווער ווייסט די סיבה,
בענקט מיין האַרץ אַזוי שטאַרק נאָר ליבע?

ס'איז לעבן — מוזיק פון טענער און קלאַנגען,
באַגלייט מיט חלומות אין צויבער געפאַנגען.
די וועלט אויסגעמאָלן מיט די בונטסטע פאַרבן,
דאָס לעבן איז דיכטונג, פון האַרץ די געזאַנגען.

אַלץ וואָס פאַרגייט

כ'קוק אַ פאַרגאַפּטער, ווי די זון פאַרגייט,
מיט פאַרבן פון בענקשאַפט ווערט זי באַגלייט.
נאָר אין זכרון קומט דער נעכטן צוריק,
דער בליק אינעם נעכטן — אַ שפּראָץ פונעם גליק.
די שענסטע חלומות און זיסטע טרוימען,
געשווומען אַוועק, מיטן רויך פונעם קוימען.
געווען אַמאָל די ליבע אַ הייס־צעפלאַמטע,
פאַרוואָס היינט אַן אומעטיק, קאַלטע?
מיינע אַלע יאָרן, ווי זענט איר אַוועק?
פאַרשווונדן אין תהומען פון האָפענונג און שרעק.
אַלץ איז דערוויילק, די צייט ווי דאָס וועטער,
געיאָגט פונעם ווינט, ווי די האַרבסטיקע בלעטער.

אַלץ וואָס מיט יאָרן פאַרגאַנגען,
געפלאָסן אַוועק די לעבנס־געזאַנגען,
אַלץ וואָס די צייט האָט אָפּגעווישט,
מאַכט שוואַכער דעם פאָדעם,
וואָס מיט לעבן פאַרקניפּט.
מיט וואָס זאָל איך שפּייזן מיין חלום דעם מידן,
וואָס בלאָנדזשעט אַרום אויף פרעמדע ירידן?
און אפשר דערפאַר אַזוי שטאַרק איז דער טרויער,
ווייל ס'פאַרגייט ווי אַ חלום דער אייגענער דויער?

די קלאַנגען פון לעבן

די נאַטור זי טראָגט אין איר אייגענעם שויס,
די פּאַרפומען פון פרילינג, פון פּאָעזיע דעם בּרויז.
די געבענטשטע ערד — אַ מעלאָדיע צעשפּילטע,
די קלאַנגען פון לעבן — רויזן צעבליטע.
מיט פאַרכישופטע געזאַנגען דער טאָג זיך איינהילן,
וואָר מיטן חלום צוזאַמען זיך שפּילן.
הימל און ערד כּאָטש שפּאַנען באַזונדער,
זיך גיסן צוזאַמען אין איין גרויסן וואונדער.

פון מיין טאָטן געירשנט דאָס גרעסטע פאַרמעגן,
מען קען אַזאַ אוצר מיט גאָלד ניט אָפּוועגן:
די בלויקייט פון הימל, דאָס זילבער פון שטערן,
וווּ עס וווינען חלומות, די שענסטע באַגערן.
וווּ שמעטערלינג קומט צופליען,
דאָרט וווּ די רויזן פריי זיך צעבליען.
מיט אַזויפיל ליבע, אַזויפיל גלוסט,
זינגט די פרייהייט אין מיין ברוסט.
דאָס לעבן אַ קאָפּיע פון ליכטיקן חלום,
ווי וואָר מיט טרוים לעבן בשלום.
וואָס קען זיין שענערס, ווי נאַטור און לעבן?
האָס איך דאָס רשעות, וואָס די האַרמאָניע צעשטערן.

כ׳זוך מיינע מחשבות מיט ווערטער באַלעבן,
אַ גוף און נשמה מיין חלום צו געבן.
אויף דער שיינקייט פון וועלט מיט אויגן פאַרגאַפט,
אַ שיתוף צו ווערן צום קאָסמישן באַשאַף.

תפילת האדם

ווען אין דרויסן דער מאָרגן קלאָרער נעמט ווערן,
ס׳וועקט זיך די שטאָט מיט פאַרשלאָפענע אויגן.
די קלאַנגען פון לעבן אַלץ העכער זיך הערן,
דער נעפּל פאַרשווינדט, וואָס איבער הימל פאַרצויגן.
די גאָס מיט קראָמען, סקווערן און מויערן,
בענק, קאָפּעען, פון אויטאָס אַ געפּייפּעריי
אונטער דעם הימל אולטראַמאַרין־בלויער,
שפּאַנען זאָרג און חלומות אַלערליי —
ס׳זינגט פון די פענצטער — פרייד און טרויער.
ניט ביי דיר תל־אביב כ׳בין געבוירן,
געשפּאַנט מיין וועג אין גאַנצן באַזונדער,
לאַנג האָט מיין וואַנדער געמוזט דויערן.
דו ווערסט אַלץ יונגער, צעבליט אויף וווּנדער.
נאָר פון מיר איז ערגעץ אַנטלאָפן דער נעכטן.
פאַרשוווּנדן אין פיינען, פון שינאה פאַרשוועכטן.

בלאַנדזשע איך אַרום, ווי די אויגן מיך טראָגן,
צו וואָס בענקט מיין הארץ, ווער קען מיר זאָגן?
ס׳רופט מיך צו זיך דער צעכוואַלעטער ים,
צו טרינקען די לופט, ווי אַ זיסן באַלזאַם.
אין פּארק עצמאות צווישןביימער און בלומען,
אַ שאָד אַזוי שפּעט צו דיר כ׳בין געקומען.
רוישן און שוימען אונטער הימל־בלוי,
יאָרן, זכרונות — די האָר שוין גרוי.
זינגט אין מיר חנה סענעשעס „כחול והים" —
צו ווענען, צו וועמען — מיין תפילת האדם?
אויפן זיג־זאַגיקן וועג צום ים פון ניט־זיין —
שרייט מיין בענקשאַפט אין דער טיפער שטומקייט אַריין.

ווען דער טאָג פאַרגייט

אין טיפער שטילקייט דער טאָג פאַרגייט,
אַ שוואַרצע נאַכט איר גרויל פאַרשפּרייט.
אין טיפן אומעט די וועלט פאַרוויגט,
אַ געוויין פון צער אין האַרצן שטיקט.

וואַנדערט מיין דמיון, מיט שוואַרצע רעיונות,
אין פינצטערע קאַטאַקומבן, פון ביטערע זכרונות,
ווי אַ שיף מיט צעבראָכענע זעגל אין וואַנדער.
צעשפּרייט אירע גרוילן איבער ימען פונאַנדער.

שווימט אַרויס אַ חלום אין ים פון חושך,
אַ פאַרפּירעריש קול אין פינצטער פאַרזייט,
אין שוידער פון נאַכט, אין פיבער בלינדערהייט —
כ׳וואַנדער אַרום מיט צער באַגלייט.

טרויעריק דאָס לעבן, ווי דאָס האַרבסטיקע ווערטער,
ס׳ציטערט די נשמה, ווי אויף צווייגן די בלעטער.
ווי קען מען פאַרבינדן די ניט־פאַרהיילטע ווונדן,
ווען אַ ליכטיקע וועלט, איז אין פלאַמען פאַרשוווּנדן?

אין נעפּלנדיקן פינצטערניש, ווי אַ ליכטל איינזאַם,
צאַנקט מיין חלום מיט אַ בלאַסן קוים שיין.
ווי קען מען שרייבן, אַז עס ציטערן די הענט, —
מיין פאָלק און מיין נעכטן געוואָרן פאַרברענט?

ווען עס לאָזט זיך אַראָפּ די קורטינע

ווען איבערן לעבן לאָזט זיך אַראָפּ די קורטינע
און מעקט אָפּ פון דיין פּנים די געטלעכע שכינה,
פּרעגסטו פאַרוווּנדערט — איז דאָס דער סך־הכּל
פון דער גרויסער דראַמע און לעבן־ספּעקטאַקל?
טאַקע צוליב דעם האָסטו גאָט מיך באַשאַפן,
ס׳זאָל דערשווימען מיין לעבן צו אַ נאַקעטן האַפן?
אפשר געווען בלויז אַ געייג נאָך אַ טרוים,
פון פּוסטע תּאווה׳ס, פון גליק בלויז דער שוים?
צו בלייבן פאַרצווייפלט ביי דיינע הימלישע טויערן,
ניט בעסער, ווען דו ווערסט גאָר ניט געבוירן?

שטייסט פאַרן שפּעפערס פאַרמאַכטער טיר, —
גאָט האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין דיר.
ווייל האָסט מענטש ניט מיט וואָס זיך צו גרויסן,
ס׳לאַכט דער טייוול פון דיר אין די פויסטן.
אַ כאַפּטע שדים טרייבן מיט דיר קאַטאָוועס,
פון דיינע פינצטערע גענג און שעלמישע מחשבות.
אַנשטאָט צו פליען צו דער לבנה וואָלסטו בעסער,
געבויט אויף דער ערד דיינע ליכטיקע שלעסער.
ווי אַ שיכּור צו דער קרעטשמע, דאָס לעבן דיך לאָקט,
כאָטש פון וויגל ביזן קבר ווערסט פון שינאה געפּלאָגט.

ווען די קורטינע פון לעבן ווערט מיט שוואַרצן באַקליידט,
בלייבסט אַ קליינער עפּיזאָד פון דער אייביקייט!

ווי אַ קוואַליק וואַסער

אָ, מיינע ברידער, ווי אַ קוואַליק וואַסער,
דער אייביק אומצופרידענער.
ניט קיין שטייענדיקע סאַזשלקע, נאָר אַ שטראָמיקער טייך,
מיט לעבן־זאפט איז תמיד רייך.
יעדער טראָגט דעם שליסל פון אייגענעם האַרץ,
זע, ס׳זאָל ניט ווערן, ווי אַ קבר שוואַרץ!
און אויב בויסט דאָרט אַ טעמפּל זיך אויס,
ער מוז גאָר ניט זיין מעבטיק און גרויס.
דערפאַר מיט פייער־געזאַנג געבענטשט —
אַ נשמה אָטעמט אין יעדן וואָרט פון מענטש.
די פלאַמיקע שפּראַך, וואָס אַ מויל איז באַלוינט —
דאָס וואָרט איז מיט זיבעציק עטרות באַקרוינט.
ס׳איז דעם שעפערס פרייד ליכטיק און גרויס,
ווי ביי מוטערס אַ נייע לעבן שפּראָצט אַרויס.
ניט פון פוסטע קוואַלן שעפט, ווייל איר קענט,
פון דאָרט קומען צוריק מיט ליידיקע הענט.
אויף דעם לייטער פון צעפרידנקייט,
וועסט צום שפּיץ־בארג זיך ניט דערהייבן,
אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין פרדס וועסטו בלייבן.
נאָר מיט קוואַליקן פרייד מיינע ברידער —
צעוואַרעם די הערצער מיט פלאַמיקע לידער.

ווער האָט...

ווער האָט אונדזערע גלויבנס און האָפנס,
דערפירט צו די שוועלן פון בלוטיקע סופן?
באַלאַדן מיט פחד, אומרו און יאָכן,
באַרויבט אונדז דעם לעצטן שטראַל פון בטחון.
ס'ראַיעט מיט שקר אויף אַלע פּאָליטישע מיסטן,
ס'הערשט איבער פעלקער אַ באַנדע אַוואַנטוריסטן.
שטייסטו מענטש פאַרשעמט און פאַראַטן,
דו אַ פאַרשקלאַפטער צו מויל־אַקראָבאַטן.
ווי קענסטו דערוואַרטן אַ בעסערן מאָרגן,
ווען גרויסע פאַרברעכער ווילן נאָר דיך פאַרזאָרגן?
שווינדערט מיט גזלה אין אַלע וועלט־עקן —
ניטא ווער אַ האַנט פון הילף דיר אויסשטרעקן.
ווער זאָל אַ ליכטיקן שטראַל פון האָפנונג אָנצינדן,
פאַרטרייבן די שומרים פון חושך דעם בלינדן.
זיי זאָלן מער מיט שווערדן ניט פאָכען —
דער שלום זאָל פייערן זיין גרעסטן נצחון!
דעם שלום פאַרפלאַנצן פון פראָטעסט די לידער,
און ווערן אַ בשורה פאַר די פאַראַטענע ברידער,
פון דער ערד אָפּצוּוואַשן די בלוטיקע פלעקן,
צו אַ לעבן פון פרייהייט, אָן פחד, אָן שרעקן!

אין גאָלדענעם פייער

עס שטאַרבן שוין אָפּ פון טאָג די געזאַנגען,
דער ווילדער געפּילדער פאַרשווינדט.
די זון נעמט זיך באָדן אין גאָלדענעם פייער,
דער חלום באַהאַלטן אונטער טונקעלנעם שלייער.

אונטער וואָלקנס, די הימלישע פויערהאַנגען,
די זון, ווי מיין נעכטן, איז ערגעץ פאַרגאַנגען.
אויפן הימל שטערן אַ סך צונדן,
מיטן לעצטן קוש — דער טאָג איז פארשוונדן.

דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו אין אָוונט־שעה, —
אַ בענקשאַפט רופט מיך אַוועק ערגעץ־ווו.
דאָן אין פאַרנאַכטיקע שעהן פון טרוימען —
ווער וועט מיין חלום מיט פריינדשאַפט באַלוינען ?

געבליט האָט מיין נעכטן, ווי אַ ליכטיקער פלאַם,
פאַרקנסט מיט יוגנט, מיט פרילינג דעם טעם.
גורל, בענקשאַפט און שטרעבן —
צוזאַמען געשריבן דאָס בוך פון מיין לעבן.

ווי אַ זעגל געשווומען דאָס לעבן — אַ לעגענדע,
ביזן לעצטן קאַפּיטל, פון ראָמאַן, די ענדע.
אפשר איז גאָלדענער האַרבסט אויך מיט גאָלדענע יאָרן,
מיטן גאָלדענעם פייער פון הייסן זכרון ?

דעם לאָקאָמאָטיוו פון דער צייט כ׳קוק נאָך פאַרגאַפט,
ס׳אָטעמט מיין נשמה מיט רויך און מיט בענקשאַפט.

ס׳האָט דער פרימאָרגן...

ס׳האָט דער פרימאָרגן מיט אַ געזאַנג אַ נייער,
צעבליט אין יונגע הערצער אַ פלאַמיקן פייער.
וועקט אויף דעם טאָג דאָס קרייען פון הענער,
מיט זאַפטיק־פריידיקע, יוגנטלעכע טענער.
ווי אַ חלום אַ קיבוץ פון דמיון צעפלאַמטן,
אַ פּאַטאַמאָרגאַנע, צווישן הייסע זאַמדן.
קומט דער פרימארגן זיי אַ שלום אָנזאָגן.
נאָר די וואָס אַ חלום אין האַרצן זיי טראָגן,
צווישן חלום און גרינעם וואָר, זיי שפינען,
אויף טויאיקע פרישקייט און זאַפטיקע באַגינען.
נאָר דער טויזנטיעריקער מדבר געגעצט פויל,
קוקט אַ פאַרגאַפטער מיט אַן אָפן מויל.

צעשפּרייט זיינע פליגל, אַ ליכטיקער וואָר,
אין געזאַנג אָנגעטאָן אַ חלוצישער דור.
פון וואַנען זענען געקומען צו שפּאַנען,
חלומות אין מדבר זיך געשלענגלט קאַראַוואַנען.
פון יונגע נשמות וואָס קענען גוט ליבן,
פאַראַקערן די ערד, פאַרזייען מיט פרידן.
געקומען אַהער פון אַלע וועלט־עקן,
דעם דורשטיקן מדבר פון שלאָף אויפצוּוועקן.
די גרויע ערד מיט נייע פאַרבן באַצירן,
מיט גרינעם לעבן און גרינע קאָלירן.
פריה ורביה האָט גאָט זיי באַפוילן,
ביי געטרייע חלוצים מען קען אויך דאָס פועלן.
שושקעט די ליבע זיי אַריין אין די אויערן, —
לעבעדיקע בלומען דערפון ווערט געבוירן.

קום מיין פריינד...

קום מיין פריינד מיט מיר שפּאַצירן,
איבערן לאַנד פון לעגענדעס כ׳וועל דיך פירן.
צו פאַרחלומטע בערג און דרעמלענדע טאָלן,
דאָס היימישע לאַנדשאַפט פאַר דיר אויסצומאָלן.
דאָרט ווו ס׳בליט דער עמק אין גרינעם תפארת,
קום טובלען דיין חלום אין בלויען כנרת.
ווו די פרומע אין צפת שווימען אין סתרי־תורה,
אָדער אין קיבוץ ווו מען טאַנצט גאָר אַ הורה.
און הויך ארויף דיינע אויגן נאָר ווענדע —
צום שטאָלצן גלבע — אַ באַרג אַ לעגענדע.

קום, ווו ס׳גלעט דער ווינד די זאַמדן פון נגב,
און ס׳קושט די שטיינער די לבנה־שיין.
צו די מיראַזשן פון מירמלשטיין.
דאָרט ווו די מיסטעריע פון לעבן, ביים ים פון טויט,
ווו די איסיים געבאַקן זייער ארעם ברויט.
ווו געבוירן זענען געטער און הייליקע תורה׳ס,
ווו געדינט האָט די זינד צו דער געטין עשתורות.
צו עין גדי, ווי שולמית מיטן פייער פון חן —
רייך מיט טעם און טעמע איז דיין היים.

קום הערן דאָס מעקען פון שאָף, דאָס קרייען פון הענער,
די פאַרכישופטע קלאַנגען פון דאָרפישע טענער.
ווו עס בליט די פרייהייט, ווי זאַפטיקע פלאַנצן,
די פאַרכישופטע ריחות פון גאָלדענע מאַראַנצן.
ווו ס׳באָדן זיך חלומות אין הייסע שטראַלן,
שעפּט ליבע און געטריישאפט פון היימישע קוואַלן!
און אויב ווידער באַשערט איז צו ווערן געבוירן —
איז אין אייגענעם לאַנד צו זיין אַ בן חורין.

כ׳וואָרעם מײַן האַרץ...

כ׳וואָרעם מײַן האַרץ אין פּאָעטישן פֿײַער,
אין קאָסמישן געזאַנג, ווי אַ פֿויגל אַ פֿרײַער.
מיט אַפּראָדיטישן געפֿיל פֿון געטלעכער האַרמאָניע,
אין קאַרנאַוואַל פֿון גײַסט, אומשטערבלעכע סימפֿאָניע.

פֿון נביאישן אָרעאַל, רוח הקודש־עקסטאַז,
אין טוי פֿון באַגינענס, פֿון שײנקייט פּאַרנאַס.
פֿון הימלישע מוזיק, אַ װוּנדער אַקאָרד,
פֿון העראָישע מעשים און פֿאַרכּישופֿטן וואָרט.

ווי אַ חלום אין נעצן פֿון צויבער געפֿאַנגען,
וועבן זיך לעגענדעס, כּאָרן־געזאַנגען.
ווי אַ צעבראָוזטער ים, פֿון צעשטורעמטע טענער,
פֿלאַמיקע ווערטער, ווי צעפּלאַטערטע פּענער.

שוועבן חלומות, ווי בלויע טומאַנען,
ליכטיקע דמיונות אין האַרצן צעפֿלאַמען.
פֿאַרשיכּורט פֿון ליבע, פֿאַרגאַפֿטע פּאָעטן,
ס׳שווימט אַרויס פֿון כוואַליעס ווענוס די געטין.

פֿון צעפֿלאַמטע געפֿילן דער אָטעם־גאַנג,
כ׳וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן מײַן פֿרײַנד.
פֿון די ערשטע ליבעס דעם שטורעם־געזאַנג, —
צו יענע פֿרײדיקע פֿרילינגס כּ׳בענק נאָך הײַנט.

אָ, וועמען, וועל איך אַלע חלומות — מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן,
איבערלאָזן אַ ירושה אין טאָג פֿון מײַן געזעגן ?

פון האַרץ אַ געזאַנג

ווייסטו ווו גאָט וווינט און ווו איז זיין הויז?
אין יעדן האַרץ, וואָס טרייבט אים ניט אַרויס.
מוזט ניט זיין קיין הייליקער, אויך ניט קיין העלד,
יעדעס ערלעך האַרץ איז גאָטס געצעלט.

אין העלן שמייכל, וואָס שטראַלט פון אויגן אַרויס,
פון ליבע אַ פעסטונג — גאָט וווינט אין דעם הויז.
טראָג אין האַרץ אַ געזאַנג, אַ ליכטיקן ניגון,
פון פוסטקייט און שקר ניט לאָז דיך באַטריגן.

שטרעק ניט דיינע הענט צום גאָלד דעם קאַלטן,
נאָר אין הייסע הערצער ליגן אוצרות באַהאַלטן.
ניט מיט געלד, מיט גלויבן זיי רייך,
לאָז שווימען דיין חלום, ווי אַ זעגל אויפן טייך.

פאַרלעש ניט דאָס פייער פון דיין האַרצן,
ווו רוח הקודש דאָרט וווינט.
הערצער ניט קיין אויסגעקאַלכטע קברים,
ווערן מיט ליבע און פרייהייט באַלוינט.

ווו מען האָט פאַרן גאָט פון דער פרייהייט,
די טירן מיט שלעסער פאַרמאַכט,
דאָרט הוליען בייזע ווינטן,
אין דער פינצטער פון נאַכט.

פּאָעזיע

ביסט געקומען צו מיר פּאָעזיע,
אויף די פליגלען פון דער ליבע.
ווי פידל־טענער ניגונים פליסן,
אויף די סטרונע פון האַרצן, אַלע חושים צעשפּילן.
אַ הימלישע מוזיק פון צעפלאַמטע געפילן.
ווי דער פישער ביים לויטערן ריין,
פון פאַרכישופטע געזאַנגען פון דער לאָרעליי —
ווער איך דערטרינקען אין דעם טייך פונעם חן.
אַ געהיימער רויש פון שטורמישן שטרעבן,
אַ גלאָקן־קלאנג פון אויפגייענדיקן לעבן.
אַ פלאַטער־וואָרט אַראָפּ פון הימלישע ליפּן.
שיינקייט מיט ליבע צוזאמענגעקניפּט.
באַשיינסט דאָס לעבן מיט ווּנדערלעך ליד,
מיט הייסן אָטעם פון אש התמיד.

ביסט געקומען צו מיר פּאָעזיע,
ווי אַ וויכער צעשטורעמט.
ווי דער צאָרן פון אָקעאַנען,
פון ברויזנדע סטיכיעס צעפלאַמט,
ווי די קראַפט פון באַשאַף, וואָס קומען וועט,
מיט מעכטיקן געזאַנג פון אַ שטערן־פּאָעט.
ווי דער זינג־פויגל פון ליכטיקן גלויבן,
צו די העכסטע הימלען מיך דערהויבן.
אַ מוזע, פריינט מיין געטרייער, —
כ׳פלי אין די הימלען, ווי אַן אָדלער אַ פרייער!
געטראָגן הויך איבער הימלישע שטיגן —
מיטן געזאַנג פון לעבן, דעם טויט צו באזיגן.

חיפה

עס קושט דיינע פּיס דער ימיקער שוים,
טראָגסט אויף דיין קאָפּ דעם כּרמל־קרוין,
צווישן כוואַליעס און בערג ביסט געבוירן,
פאַר די שענסטע חלומות געעפנט דיינע טויערן.
שיין, ווי אַ חלום אין אַ פאַרכּישופטער נאַכט,
דיינע שטערן אין הימל אַ זילבערנער פּראַכט.
מיט ליבע און פרייהייט, דיינע בערג מיט געזאַנגען,
פון אַרבעט און בוי צעגיסט אירע קלאַנגען.
רוישיק ווי דער ים, ווי די כּרמל־בערג שטיל,
דאָס איז חיפה דיין חן, דאָס איז דיין סטיל.

געקומען צו דיין פּאָרט פאַרבלאָנדזשעטע שיפן,
געהוידעט אויף כוואַליעס פון האָפענונג בגילופין.
נאָכן שוידער פון חורבן, אויף דער שוועל פון גאולה,
צווישן פאַרשקלאָפונג און פרייהייט געמאַכט אַן הבדלה.
פון פּיין און פון וואָגל אָפּשאָקלען די שטויבן,
ביי דיינע ברעגן פאַראַנקערן אַ ליכטיקן גלויבן.
די חורבות פון נעכטן דעם פּיין פון דיין שטאַם, —
שפּאַנסט מיט זינגעוודיקע טריט און העלישן פלאַם.
אפשר אויפגיין צווישן דיינע חיפה'ער מויערן,
אַ נייע האָפענונג אין דיר וועט געבוירן.
פאַר שלום און פריינדשאַפט ביסט חיפה באַשאַפן,
פאַר פרייהייט אַ פעסטונג, אַ זיכערער האַפן.

די שטאָט פון לעגענדעס

קום, כ'וועל דיך פירן אויף די אַלטע שפורן,
אויפגעשטאַנענע פון חורבות נאָך טויזנטער יאָרן.
געוועכט אין די געזאַנגען פון חומש און רש"י,
נאָך כל־נדרידיקע נעבט פון נסים אַ קשיא.
און ווידער שיינט אויף די געסלעך קרומע,
ביי ישיבה־בחורים די געטלעכע שכינה.
אַז עס שפּאַנט דורך שולמית איבערן געסל פון שטיגן,
טרייבן זיי זינדיקע מחשבות, ווי זלידנע פליגן.
אין הלולה וחינגא דאַרף משיח קומען צו רייטן,
מען הערט שוין דאָס בלאָזן די שופרות פון ווייטן.
עס בלאַנקט שוין די קרוין פון אַ נייע כסא מלוכה,
אין טויזנטיעריקן געראַנגל צווישן לעגענדעס און זאַוויערוכע.

ס'איז דאָ אויך אַ צווייטע, אַן אַנדער ירושלים,
ווי אַן אַנדער פּלאַנעט, פון אַ לעבן אַ נייעם.
אַנדערע יידן, אַנדערע פּאַרלאַנגען,
פון אַנדערע חלומות געשניטן די זאַנגען.
אויף זיי די רעדער פון דער געשיכטע שמידן,
גאָר אַנדערן חלום ווילן רעאַליזירן.
די ערד מיט בלומען פון ליבע צעבליען,
מיטן געזאַנג פון פרייהייט די הערצער צעגליען.
ניט מיט הייליקע קברים, ניט פון טרערן אַ וואַנט,
נאָר מיט עשירות פון פרייד אָנטרונקען דאָס לאַנד.
און פאַר אַ פריי, גליקלעך ירושלים,
מאַכן אַ פריידיקן, ליכטיקן לחיים!

זיי ווי...

זיי אַ פֿריידיק געזאַנג, שטורמיש ווי דער ים,
ווי די זון טראָג אין האַרצן אַ מעכטיקן פֿלאַם.
זיי שטאָלץ ווי די בערג, ווי אַ דעמב אומגעבויגן,
פֿריי ווי די ווינטן אויף סטעפּעס דערצויגן.

זיי ווי אַ וואָלקן מיט פֿייער אָנגעגליט,
אָבער ניט ווי צעוס מיט דונער זיך שפּילט.
ניט ווי דאָן קיכאָט אין קאַמף מיט ווינטמילן —
מיט שווערד און מיט פֿייער זאָלסט זיך ניט שפּילן.

זאָל דער חלום וואָס מיט טרייסט דיך באַלוינט,
טיף אין האַרצן ווי די בענקשאַפֿט דאָרט וווינט.
אַלץ וואָס מיט פֿרייהייט און ליבע נאָר בליט,
די שענסטע שטרעבן דיין נשמה צעגליט.

ווער ס׳איז ניט מיט אָדלערישע פֿליגלען געבוירן,
אויף אַן אַלטער קלאַטשע זאָל ער רייטן.
צי קען מען מיט לאַנגע אייזלישע אויערן.
דערהערן דאָס געזאַנג פֿון פֿרייע, זוניקע צייטן ?

כ'האָב מיינע געוווינהייטן...

כ'האָב מיינע געוווינהייטן, מיין אייגענעם סדר.
כ'האָב ליב די אַליינקייט פון מיין אייגענעם חדר.
יעדן פרי דאָס ערשטע כ'וואַרף אין צייטונג אַ בליק,
כ'געפין דאָרט ניט, אַז ערגעץ פאראַן איז אַ גליק.
אַנדערע זוכן אין דער צייטונג די פאַרטונקלטע ערטער,
האָבן ליב פראַזן און געשמינקעוועטע ווערטער.
נאָר מיך יאַדעט מיין נשמה די פיינען און פלאָגן —
אויף וואָס זענען אַוועק די פאַרלוירענע יאָרן ?
אויף מאָרד און פאַרברעכן, אויף בלוטיקע מלחמות,
אויף האַס און שינאה, די געטער פון נקמות.
וואָס גייט זיי אָן די מיליאָנען לעבנס פאַרשפּילטע,
די מענטשלעכע קרבנות, די חלומות ניט־דערפילטע ?
דאָס לעבן פון רציחה, מיט לויב צו די פאַרברעכער,
מיר מוזן טרינקען די פיינען, ווי דעם סם פונעם בעכער.
ווו אַ היין זענען אלע פינצטערע יאָרן אַנטלאָפן ?
מיר זאָלן שטיין ביים אָפּגרונט, ביים סוף פון די סופן.
דו קרוין פון באַשאַף ! דו גרויסער צעלייגער —
ס'איז שוין באַלד צוועלף, אויף דעם לעצטן וועלט־זייגער,
צי דאָס איז דער חלום וואָס געוואָלט האָסט דערגרייכן,
צי שטעלן אונדז פארלוירענע פאַרן גרויס פראנגעצייכן ?

דיין שטימע...

דיין שטימע — אַ שאָרך פון זייד,
דיין געשטאַלט — טווילאַנישער גלוסט.
מיט רייפן זומער איז באַקליידט,
להות נאָך תאווה דיינע ברוסט.
פון הייסן אָטעם אַ געפעכט,
ס'באָדט זיך גוף אין פרייד און טרער.
ווילד די נשמה איז פארקנעכט.
אַ פייער־גלי — גאָטס געווער.
וואַרפן אויגן הייסן בליק,
צו אונטער זייד פארבאָרגן גליק.
מיט ווילדן קלאַנג פון אור־אינסטינקט,
דאָס צערטלען — דעם ווילדן ים צעברויזט,
אין גדיכטן יאָמער־וואלד פארזינקט,
אָדם נאַקעט זיך אַנטבלויזט.
ווען גוף מיט גוף פאַרבינדט,
פון ווילדער תאווה אַלץ פאַרקניפט,
דער הייסער רוף, מיט אָטעם זידט,
האָניק פון דער ליבע טריפט.

דער ריח פון ליבע — פאַרפומירטע גליק,
פון די אויגן שרייט שוין אַן אַנדער מיין.
וואָס אויפגעפלאַמט — פאַרוועלקט צוריק.
דער אומעט — אַ רעגן־געוויין,
די ווילדע מינוטן פון שטורעם באַגלייט,
אין וואַלד פון פאַרגעסן, אין נעפּל פאַרשווינדט,
אונטער בייזע פליגל פון ניכטערקייט.
די בלומען פון קלייד, דער שאָרך פון זייד,
דאָס בלאָנד פון האָר — אלץ פאַרגייט...

יוגנט

יוגנט, טו אָן פליגלען אויף דיין נשמה.
צום קעניגרייך פון פרייהייט פלי!
צום לאַנד פון בענקעניש און שטרעבן, —
יוגנט איז אַ געשאַנק, יוגנט מיינט — לעבן.

ווי לויטער און ציכטיק אָן אומשולדיקע טרער,
פון דער ערשטער ליבע דער הייסער באַגער,
אַזוי ליכטיק, פריידיק און פערלדיק ריין,
אַזוי פריש און באַטעמט — די יוגנט אַליין.

לאָז זשע דיין חלום, ווי רויזן צעבליען,
מיט פלאַמיקע פליגלען צו די הימלען פליען.
און שפּאַנען פּאַרויס, שטייגן אַל! העכער
און טרינקען פון פולן לעבנס-בעכער.

כאָטש דעם סוד וועסט קיינמאָל באַגרייפן,
דאָס רעטעניש און גרויסע פראַגע־צייכן,
דאָך אויפן הימלישן לייטער אַרויף און צוריק,
נאָר אויף דער ערד זאָלסטו זוכן דיין גליק.

ווער ס׳שפּאַנט דרייסט אויף דער היימישער ערד,
דעם זענען הימלישע הויכן באַשערט.
ווען הויך איבער הימלען וועסט שפּאַנען,
פאַרגעס ניט, אויף דער ערד איז דיין וויגל געשטאַנען!

איר יונגע ווילנס פון מענטשלעכן גייסט,
פארלאָז דעם נעכטן — צום מאָרגן שפּרייז דרייסט!

וואַלקנס־בערג

וואַלקנס־בערג, טרויעריקע פאַרבענקטע,
פאַרדעקן די ליכט פון שטראַלן געשענקטע.
ניט דערגרייכטע פריידן — אַ געפיל אַ שלעכטער,
האָפענונג פאַרלוירן — אַ טרויעריק געלעכטער.

פאַשען זיך די כמורנע וואַלקנס, ווי טשערעדעס ביים טייך,
דעם אומעט פון הימלען, פאַרשלינגען זיי גלייך.
איבער כוואַליעס זיך יאָגן מעוועס אין פליגל־געפאָך,
מיין האַרץ — אַ שיף אין שטורעם, זינקט אין טיפן בראָך.

דאָס טרויער־ליד אין אבל־טריט געשפאַנען,
קיין גליק איז אפשר אין ערגעץ פאַראַנען.
עלנט דאָס ליד ווי אַ שטיין אין פעלד,
די שטראַלן פון האָפענונג מיט וואַלקנס פארשטעלט.

ווער קלאַפּט אין מיין טיר? כ׳עפן געשווינדט,
דאָס ברענגט פון קברים אַ גרוס מיר דעם ווינט.
בלייב איך דערשטוינט, פאַראומערט, דערשלאָגן —
וויפל קען אַ האַרץ דען ווייטיק אויסטראָגן?

ס'האָט אַ הוראַגאַן

ס'האָט אַ הוראַגאַן, ווי אַ גייסט אַ בייזער,
פון טויזנטער שריפות אַ מעכטיקער פלאַם,
פאַרשלונגען אונדזערע היימען און הייזער.
אַ הוראַגאַן פון שינאה בלינד, אַלץ אין בלוט דערטרינקען,
אַלץ וואָס נאָר געלעבט, אין גיהנום־פלאַם פאַרשלונגען.

אויב אַ פונק פון לעבן געבליבן איז דאָר,
דאָס אויסגעהרגעטע פאָלק לעבט ווידער דאָר,
צו אייך, וואָס אין בלוט ניט דערטרונקען,
אין טויזנט שריפות ניט פאַרברענט,
צו אייך פון מיין האַרץ דער געשריי:
שטיי אויף מיין פאָלק, ווער ווידער יונג!
אין בייזן שטורעם שטיי אַ פעלדז!
זאָל דיין גייסט דיר ווערן אַ פעסטונג.
פאַר מיידאַנעק דיין צער און צאָרן
פאַר פיין און לייד פון פינצטערע יאָרן,
פאַר געפייניקטע קינדער, דערמאָרדעטע טעטער,
קעגן אַלע דיינע בלוטיקע שעכטער.
זאָל יעדער בחור דיר זיין אַ דערלייזער,
יעדעס קינד דיר — אַ ווענווייזער.

אַרבעט און שאַפן דיין גייסטיקע תרומה,
זאָל קעגן די שונאים — דיין שטאַרקסטע נקמה.
מיט שטאַרקן מוט, פאַרטרייב דאָס בייז,
פון פינצטערן נעכטן — צום פרילינג שפּרייז!

לערן פון דער מוראַשקע

לערן פאַרדאַרבענער מענטש פון דער מוראַשקע די חכמה.
ניטאָ ביי זיי קיין יחוס, קיין קלאַסן, קיין שטאַמען,
זע ווי פלייסיק זיי אַרבעטן צוזאַמען!
זיי ווערן ניט געטריבן פון קיין שום באַסן
און גרייטן אָן אין זומער זייערע ברויט־זאַפּאַסן.
זיי האָבן איבער זיך ניט קיין הערשער, קיין האַרן,
טוען איינער דעם צווייטן ניט אָפּנאַרן.
איינער דעם צווייטן וועט ניט פאַראַטן,
נאָר לעבן ברודערלעך, ווי זין פון איין טאַטן.
לערן מענטש פון דער נאַטור פון לעבן געניסן
און ניט דאָס בלוט פון דיינע ברידער פאַרגיסן.
אַ מענטש, וועסט מוזן אָנערקענען,
לעבן שכלדיקער פון דיר זיי קענען.
קענסט מענטש לערנען פון זיי אָן אַ שיעור,
די קליינע מוראַשקע איז קליגער פון דיר!

כ׳בין מיט דער וועלט גאָר ניט צופרידן

כ׳בין מיט דער וועלט גאָר ניט צופרידן,
ניט מיט אירע פאַרשאָלטענע, פּאָליטישע ירידים.
ווי געניאַלע סטראַטעגן, אויבער־באַנדיטן,
די שיינע וועלט אויף אַ גיהנום פאַרביטן.
אין אַ בלוטיקן זי שעבטהויז פאַרוואַנדלט,
מענטשן ווי קעלבער פאַרקויפט און פאַרהאַנדלט.

די פּיפּיקע דיפּלאָמאַטן, היפּאָקריטישע מיסטערס,
כיטרע קעפּ, געשווירענע מיניסטערס,
זוכן טאַקע אַלע וואָס פּרעסן און זויפן,
די נשמות פון פאָלק ביליק צו קויפן.
זיי טוען דאָס פאָלק מיט אַן אַלט לידל איינוויגן,
אין גאָלדענע קברים פון שווינדל און ליגן.
שוין לאַנג פאַרגעסן אין ערלעכקייט און באַשיידנקייט,
שטאָלצירן זיי מיט צביעות און געמיינקייט.
דאָס פאָלק איז פאַר די דאָזיקע „צדיקים אין פעלץ״,
ניט מער, ווי דער אָפּפאַל, דאָס מענטשלעכע שמעלץ.

אויך אויף זיי וועט דער בראָך, ווי אַ שטורעם אָנקומען,
ס׳וועט די שטראָף, זיי זיבער, געפינען.
ווייל די פּרוכט פון דער זינד האָבן געגעסן צו זעט, —
מציל זייערע נשמות וועט זיין שוין צו שפּעט.
די וואָס מאָרד און פאַרברעכן האָבן באַוויליקט —
דאָס הויז פון רשעים וועט ווערן פאַרטיליקט.

האָסט וועלט מיך אָפּגענאַרט

האָסט וועלט מיך אָפּגענאַרט, פאַרלאָמדן און באַטרוגן
מיין חלום פאַראַטן, מיין האָפענונג דערשלאָגן.
דיינע סודותדיקע וועלטן פון אייביקן אַנטשטיין,
איבער פאַרלאָשענע גענעראַציעס פון פאַרשווינדן און
פאַרגיין.
אויב ס׳איז דאָ אַ באַשאַפער פון זון און שטערן מיליאַרדן,
פאַרוואָס ער לאָזט אונדז בליען, כדי דערנאָך צו שטאַרבן ?
אויב ער קען אַ ביסל גליק אונדז ניט פאַרגינען,
צי האָט זיין ווערק אָן יושר, דען אַ טעם און זינען ?
אט קומט אַ טאָג אַ בייזער, מיט אנגס און צאָרן,
צו פאַר פחד און צווייפל, דערצו כ׳בין געבוירן ?
דער קאַמף צווישן טויט און לעבן — סודותדיקע טומאַנען,
פון גאָט צי פון טייוול — פון וועמען מיר שטאַמען ?

כ׳האָס די פארקריפּלטע מאַסקעס פון העסלעכע געשטאַלטן,
פון געפעלשטן מאָראַל די קאָרופּציע־אַנשטאַלטן.
באָטש מיין פּראָטעסט וועט ווייניק־וואָס משפיען, —
מיין גייסט פאר אייערע געטער, קיינמאָל וועט ניט קניען.

פון זעלבן מחבר:

איבער צעבראָכענע בריקן (ראָמאַן) — 1966

ווי אַ זעגל אין שטורעם (ראָמאַן) — 1972

אויף די פראָנטן פון לעבן (ראָמאַן) — 1981

פלאַמען (לידער) — 1983

קורצע געשיכטע פון אַנאַרכיסטישן געדאַנק — 1984

אַ בליץ אין דער נאַכט (לידער) — 1985

אינהאַלט

רויך און לעגענדעס
פרייהייט־פּאָעטן
זייט מוחל
סדום ועמורה
מעדכען שיסן
פאָרן בלוטיקן תהום
אַ שטאָט ווערט דערוואָרגן
וועלפּישע ציין
די וועלט — אַ וואָקזאַל
בלומען פון לאַנד פון אייז
כ׳בין אַ ייד
צוויי שטיוול
דער זיג
אַ גענעראַל וועט סאַלוטירן
כאָטש עס זילבערט
ווי קען מען...
אַ גוטע נאַכט דיר וועלט !
פאַרוואָס ניט פּראָטעסטירן ?
פון מיין ספרים־שאַנק
האַנס אַנדערסען
אַ בליץ אין דער נאַכט
אין יעדן האַרץ
פּוסטער עליגאַנט
הימלישע טויערן
דו וואַרטסט
אויף דער בינע פון שקר
מיין ליד...
דאָס יאָר 1984 לויט דזשאָרדזש אָרוועל
לעצטע נייעס
די נאַטור
אין די קאַטאַקומבן פון דער נשמה
דיקטאַטאָר
אַטאָמישער טויט
כ׳ווייס...
עס שוידערט די וועלט...
איר גלויבט די גזלנים
אַ וועלט פון גזלה
כ׳שפּאַן אין גאַס
דער שטעלפאַרטרעטער
איר קאַלטע נשמות
לאַנגווייל
דער דעמאַגאָג
כ׳געדענק
ווער בין איך ?
ערגעץ זע איך...
באַרצעלאָנע
זשערמינאַל
ליגן פעלדער
איר העלדן
כ׳געדענק...
וואָלסטריט
אַ מענטש
כ׳מיש די בלעטער פון מיין זכרון
מיינע ערשטע זינד
גאַסן
פּראָמאָטעוס
לא אני חטאתי
יידישע גאַסן
ניטאָ מער...
דער טייוול ער לאַכט
ניט וועגן לבנה־נעכט
ס׳וועט קומען אַזאַ פּשוטער טאָג
עס גייט אויף די זון
אַלץ וואָס פאַרגייט
די קלאַנגען פון לעבן
תפילת האדם
ווען דער טאָג פאַרגייט
ווען ס׳לאָזט זיך אַראָפּ די קורטינע
ווי אַ קוואַליק וואַסער
ווער האָט...
אין גאָלדענעם פייער
ס׳האָט דער פרימאָרגן
קום מיין פריינד
כ׳וואַרעם מיין האַרץ
פון האַרץ אַ געזאַנג
פּאָעזיע
חיפה
די שטאָט פון לעגענדעס
זיי ווי...
כ׳האָב מיינע געוווינהייטן
דיין שטימע...
יוגנט
וואָלקנס־בערג
ס׳האָט אַ הוראַגאַן
לערן פון דער מוראַשקע
כ׳בין מיט דער וועלט גאָר ניט צופרידן
האָסט וועלט מיך אָפּגענאַרט